STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05652

DI TOES'N FUN MOYSHE RABEYNE

Robert Green Ingersoll

*Permanent preservation of this book was made possible
by Rachil Schper
in memory of
Nathan Schper z"l, my beloved husband*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָבערט אינגערסאָל

די טעות'ן

— פון —

משה רבינו

איבערזעצט פון ענגלישען

ארויסגעגעבען פון זעלבסטבילדונג פאראיין

הויפטפארקויף :

Max Yankovitz

179 E. Broadway New York, N. Y.

די טעות׳ן פון משה רבנו

די תורה

א גאַנץ לאַנגע צייט האָט מען געמיינט, אַז משה איז געווען דער פאַרפאַסער פון דער תורה, און נאָך יעצט האַלטען זיך די אומ־וויסענדע ביי דערזעלבער מיינונג. די וואַרהייט איז אָבער — און דאָס איז גאַנץ באַשטימט — אַז משה האָט גאַרניט געהאַט צו טאָן מיט די חמשה חומשי תורה, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען, ווען משה איז שוין געווען אַש און שטויב פאַר הונדערטער פון יאָהרען. אָבער, אַזוי ווי די קירכען האַלטען זיך נאָך שטאַרק ביי דער מיי־נונג, דאָס ער איז געווען דער פאַרפאַסער פון דער תורה, דאָס ער אַליין האָט באַשריבען זיין אייגענעם טויט און זיין אייגענע באַער־דיגונג, וועלען מיר ריידען פון איהם אַזוי ווי ער וואָלט אין דער ווירקליכקייט געווען דער פאַרפאַסער.

כמעט אין אַלע היילינע ביכער ווערט געגעבען אַן ערצעהלונג פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט, די אַנטשטעהונג פון מאַטע־ריע און דעם תכלית פון דער מענשליכער ראַסע. כמעט אַלע האָ־בען אָנגעציינט, ווי דאַנקבאַר דער מענש דאַרף זיין גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט איהם באַשאַפען אויף דער וועלט און האָט איהם ער־לויבט צו לעבען און צו ליידען און אַז עס איז גאָר אוממעגליך אָפּ־צודאַנקען גאָט פאַר זיין מיה און ליידען, וואָס ער האָט איבערגע־טראָגען פאַר דעם וואָהלזיין פון דער מענשהייט. זיי האָבען כמעט אַלע געפאָדערט, אַז מיר זאָלען דאַנקען גאָט פאַר אַל־דאָס־גוטס פון לעבען; אָבער זיי אַלע האָבען אונז ניט אָנגעציינט, וועמען צו מאַכען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַלע איבלען, וועלכע מיר שטעהען אויס אין לעבען.

מ ש ה אונטערשיידעט זיך פון די פילע אַנדערע מאַכערס פון היילינע ביכער מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרגעסען עטוואָס צו זאָגען פון א צוקונפטיגען לעבען (עולם הבא). ער האָט ניט פאַרשפּראָכען קיין גן עדן; ער האָט אויך ניט געסטראַשעט מיט א גיהנום. וועגען א צוקונפטיגען לעבען איז ניטאָ קיין איין וואָרט

אין גאנץ תורת משה. ווארשיינליך האט גאט נאך ניט געהאלטען פאר נויטיג, אין יענע צייטען, צו מאכען וועלכע־עס־איז ערקלע־רונג איבער דער איביגער צוקונפט פון דער מענשהייט. ווי עס ווייזט אויס, האט ער געטראכט, אז ער וועט קענען קאנ־טראלירען די אידען דורך באלוינונגען און באשטראפונגען אויף דער וועלט; און אזוי האט ער געהאלטען די שרעק־ליכע ווירקליכקייטען פון א גן עדן מיט א גיהנום. אן אייביגע פריידע און מאטערניש, בסוד פון זיין אויסערוועהל־טעם פאלק. ער האט געהאלטען פאר פיעל וויכטיגער צו ריידען מיט די אידען איבער זייער אנטשטעהונג ווי איבער זייער צו־קונפט.

מיר מוזען גע׳דיינקען, דאס יעדער שבט און יעדע נאציאן האט געוויסע ערקלערונגען איבער יעדער וויכטיגער נאטירליכער ערשיינונג. דיזע ערקלערונגען ווערען איבערגעגעבען דורך טראדיציאן, דאס הייסט, ערצעהלונגען, וועלכע געהען אריבער פון מויל צו מויל, פון א מענגע געשיכטען־דערצעהלער, וועלכע האבען אימער צוגעפאסט די אומשטענדען נאך די פאדע־רונגען פון די צייטען, אין וועלכע זיי האבען געלעבט.

די ערקלערונג, וואס א נאציאן גיט זיך פאר די ערשיינונ־גען פון טאג און נאכט, די ענדערונגען פון די יאהרעסצייטען, דאס פאלען פון שנעע און רעגען, דאס פליהען פון די פויגלען, דער רעגענבויגען, די אייגענטימליכקייטען פון חיות, די חלומות אין שלאף, די עקזיסטענץ פון ערד־ציטערניש, שטורם, בליץ און נאך טויזענדער אנדערע זאכען, וועלכע ציהען צו די אויפמערקזאמקייט און רופען ארויס די באוואונדערונג פון דער מענשהייט — אט דאס אלעס קען אנגערופען ווערען די פילאזאפיע פון דיזען שטאם אדער נאציאן. און אזוי ווי די ערשיינונגען קומען פאר פאר די ווילדע, בארבארישע מענשען אלס די טאטען פון באוואוסטע ווע־זענס, וועלכע האבען די מאכט זיי צו באשיצען אדער צו שעדיגען, האבען זיי גערעכענט, דאס געוויסע זאכען זיינען נויטיג פאר די מענשען צו טאן, אום צו געווינען די הילף פון דיזע געטער און צו באזייטיגען זייער צארן. פון דיזען גלויבען זיינען ארויסגעוואק־סען געוויסע צערעמאניעס און דיזע צערעמאניעס, פאראייניגט מיט דעם גלויבען, האבען געבילדעט די רעליגיאן; די פאלגע

דערפון איז, אז יעדע רעליגיאָן איז געבויט אויף די פאַלשע באַגריפען איבער די אורזאַכען פון די נאַטור־ערשיינונגען.

יעדע ארט גאָט־פאַרעהרונג איז געבויט אויף דעם גלויבען, דאָס עס עקזיסטירט אַ געוויסעס וועזען, וועלכעס קען, ווען עס וויל נאָר, אומענדערען דעם נאַטירליכען גאַנג פון דעם, וואָס מוז זיין. דער ווילדער בעט צו אַ שטיין, וועלכען ער רופט גאָט; דער קריסט בעט צו אַ גאָט, וועלכען ער רופט גייסט, און דאָס געבעט פון דיביידע בריינגט דיזעלבע נוצען. דער ווילדער און דער קריסט גלויבען אין אַ געוויסע אינטעליגענטע אורזאַכע, און דיזע אורזאַכע, צי זי רעפּרעזענטירט מיט זיך איין גאָט אָדער איינציגע, איז געווען, אין אַלע צייטען, דער געגענשטאַנד פון אַלע תפלות: צו טראָגען אַ געטשקע, מתפלל זיין, ציילען קארעלען, פאַסטען, מקריב זיין אַ קעלבעל, אַ קינד, אָדער אַ פיינד, דאָס זיינען נאָר פאַרשידענע וועגען, דורך וועלכע מען ווינשט צו ערגייכען דעם פאַרלאַנגטען רעזולטאַט; זיי זיינען אַלע די פרוכטען פון דעמזעלבען טעות.

ווען מיר זאָלען צוגעבען, אז משה איז געווען דער פאַרפאַסער פון די פינף ביכער, אָדער ער האָט געגעבען די אידען אַ רעליגיאָן, שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען האָט ער עס באַקומען? די פרומע זאָגען אונז, דאָס ער האָט עס באַקומען פון גאָט און דאָס יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געשריבען, איז די ריכטיגע וואָרהייט. עס איז אָבער אַנערקענט אין דערזעלבער צייט, אז ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען פון פּ ר ע ה ' ס טאָכטער און האָט געהאַט דאָס רעכט פון אַ פּרינץ. אונטער דיזע אומשטענדען האָט ער געמוזט זיין באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור פון די מצריים, מיט זייער פילאָזאָפיע און זייער רעליגיאָן, און האָט, זעלבסטפאַרשטענדליך, געמוזט וויסען, וואָס זיי האָבען געגלויבט און געדיינקט איבער דער באַשאַפונג פון דער וועלט.

נון, אויב די ערצעהלונג איבער דער אַנטשטעהונג פון דער ערד, אַזוי ווי מ ש ה גיט עס איבער, שטימט מיט דער איבערגעבונג פון די מצרים, דאַן מוזען מיר קומען צום שלוס, ד אָ ס ער ה אָ ט ג ע ל ע ר ע נ ט פ ו ן ז י י. זאָלען מיר גלויבען, אז ער האָט געשריבען דורך דעם רוח־הקודש דאָס, וואָס ער האָט

געגעבען די אידעֶן, ווערענד די עגיפּטיאַנער האָבען דאָסזעלבע שוין פריהער געוואוסט?

די עגיפּטישע פּריסטער האָבען געלערנט:

1. דאָס א גאָט האָט באַשאַפען אַ מאַטעריע און האָט עס געלאָזען אין אַן אומענטוויקעלטען צושטאַנד;

2. דאָס א גאָט האָט עס געבראַכט אין א פאָרמע;

3. דאָס דער גייסט פון א גאָט האָט זיך באַוועגט איבער דער אויבערפלעכע פון דער טיפקייט;

4. דאָס א גאָט האָט אַלעס באַשאַפען נאָר ביים אויסרעדען די ווערטער: „עס זאָל זיין“;

5. דאָס א גאָט האָט באַשאַפען ליכטיגקייט, איידער די זון האָט עקזיסטירט.

יעדער איינער קען, אַלזאָ, זעהן באַשיינפּערליך, דאָס משה האָט באַקומען פון די עגיפּטיאַנער די הויפּט־טיילען פון זיין ער־צעהלונג, און האָט געמאַכט אַזעלכע אומענדערונגען, וועלכע זאָ־לען צופרידענשטעלען דעם אבערגלויבען פון זיין פאָלק.

ווען א מענש, אין דער יעצטיגער צייט, וואָלט קומען און זאָגען, אַז ער האָט באַקומען פון גאָט די טעאָריע פון עוואָלוציאָן, דאָס געזעץ פון דעם „קאַמף אום׳ס דאַזיין“, און מיר וואָלטען נאָכהער אויסגעפונען, דאָס ער איז אַן ענגלענדער און האָט גע־לעבט אין דער פאַמיליע פון טשארלס דארווין, וואָלטען מיר געוויס געזאָגט, אַז דער מענש האָט עס באַקומען אויף א נאַטירליכען וועג. און ווען אפילו דארווין זעלבסט וואָלט גע־זאָגט, אַז ער איז געווען באַגייסטערט דורך דעם רוח אלהים, וואָלטען מיר געוויס געענטפערט, אַז זיין זיידע האָט שוין אָנ־געצייגט אויף דיזער טעאָריע און דאָס לאַמארק האָט שוין פילאָזאָפירט טאַקי איבער דיזעלבע אידעען אין דעם יאָהר, ווען דארווין איז ערשט געבוירען געוואָרען.

נון, אויב מיר האָבען נאָר געגוג מוטה, דאַרפען מיר דיזעלבע אַרט דיינקען אויך אָנוועגדען, ווען מיר ריידען איבער דער גע־שיכטע פון דער וועלט־באַשאַפונג, וועלכע מיר געפינען אין דער ביבעל. מיר וועלען דאַן מוזען צוגעבען, אַז משה האָט באַקומען זיין ערפאַהרונג פון די עגיפּטיאַנער און ניט פון גאָט. און ווען אפילו עס זאָל זיך אַרויסצייגען, אַז די ערצעהלונג פון משה איז

ריכטיג און זאָל ווערען אַנערקענט פון די מאָדערנע וויסענשאַפט־ליכע דיינקער, וואָלט עס נאָך אָבער קיין באווייז ניט געווען, אז משה איז געווען דורכגעדרונגען פון א רוח אלהים: מיר וואָל־טען דאן נאָר געצוואונגען געווען צוצוגעבען, דאָס ער האָט גע־וואוסט מעהר, וויפיל מיר האָבען געגלויבט, אָבער, יעדענפאלס איז גאָר ניט נויטיג באַהערשט צו זיין פון גאָט'ס גייסט, נאָר דארום, ווייל מען האָט רעכט.

קיינער פרעטענדירט ניט, אז שעקספיר איז גע־ווען דורכגעדרונגען פון גאָט'ס גייסט, און דאָך אלע שרייבער פון די ביכער פון אלטען טעסטאַמענט צוזאַמענגענומען, וואָל־טען בשום אופן ניט געקענט באַשאַפען אזא מייסטער־ווערק ווי „האַמלעט".

לאָמיר באַטראַכטען דאָס, וואָס מיר זעהען, און לאָמיר זוכען די אורזאכען פון דיזע ערשיינונגען. אויב עס זיינען דאָ געגענ־שטאַנדען, וועלכע מיר קענען ניט פארשטעהן, לאָמיר וואַרטען פאר ליכט. צוצושרייבען עטוואָס צו אן איבערנאַטירליכע קראַפט, איז דאָסזעלבע ווי צוצוגעבען, אז מיר פארשטעהען ניט. טעאָ־לאָגיע איז ניט די לעהרע, וואָס מיר וויסען וועגען גאָט, זאָנ־דערן דאָס איז, וואָס מיר פארשטעהען ניט אין דער נאַטור. אום צו פארגרעסערען אונזער רעספעקט פאר דער ביבעל, איז עס גע־ווען נויטווענדיג פאר די פּריסטער און רבנים צו רעקאָמענדי־רען און צו לויבען די הייליגע ביכער און, אין דערזעלבער צייט, צו אונטערדריקען און ערנידעריגען אונזער דיינקונגס־קראַפט. די גאַנצע מאַכט פון דער קירכע איז געווען באַשעפטיגט, גאַנצע הונ־דערטע פון יאָהרען, צו צערשטערען דעם גלויבען פון דעם מענשען אין זיך זעלבסט, איהם איינצורעדען ניט צו גלויבען אין זיינע דיינקונגס־פעהיגקייטען און אז די גאַנצע מענשליכע טוגענד באַ־שטעהט נאָר אין דעם, צו פאָלגען און צו גלויבען, וואָס דער טאַ־טע, מאַמע און רבי זאָגען. די גייסטליכע האָבען געזאָגט: „גלויב און פאָלג! ווען דו פאַנגסט אָן צו דיינקען און צו איבערלעגען, ווערסט דו דאן און אומגלויביגער, אן אפיקורס און אלע אומגלוי־ביגע וועלען געהן פארלאָרען, דיין ניט־פאָלגען קומט נאָר ארויס פון דיין נאַרישען שטאָלץ, און אזוי ווי אדם און חוה וועסט דו ארויסגעשטויסען ווערען פון גן עדן אויף אייביג".

איך פון מיין זייט האב פיינט בלינד צו גלויבען. איך נעהם אן פון די גייסטליכע נאר דאס, וואס עס לייגט זיך מיר אויפ'ן מוח; דאסזעלבע איז אויך מיט דער ביבעל. דאס וואס קומט מיר פאר ווילד, זאג איך אפען ארויס און מיר ארט ניט, וואס אנדערע וועלען אויף מיר אויסקלערען ווער ווייס וואס.

אט אין אזא גייסט דארפען אלע ביכער עקזאמינירט ווערען. די ווארהייט דארף ווערען הערצליך באגריסט און די פאלשקייט אפען ארויסגעשטעלט, מעג עס זיך געפינען אין אירגענד־וועלכען בוך. לאמיר, אינ'ם זעלבען גייסט, עקזאמינירען די תורה און אויב עטוואס קומט אונז דארט פאר אומבאגרינדעט, ווידערשפרע־בענד אדער נאריש, לאמיר האבען קוראזש און עהרליכקייט עס צו־צוגעבען. קיין גוטעס און נוצליכעס קען ניט ארויסקומען, ווען מיר נארען זיך און אנדערע. מיליאנען האבען געגלויבט אין דער ביבעל און האבען אויך געגלויבט, אז הייראטען מיט פילע פרויען איז גאט זעהר געפעליג, מיליאנען האבען באטראכט דעם בוך אלס פונדאמענט פון דעם מענשליכען פראגרעס און האבען אין דער זעלבער צייט געקוקט אויף שקלאפעריי ווי אויף א געטליכע אינ־סטיטוציאן. מיליאנען האבען ערקלערט דעם בוך פאר הייליג און אום צו איבערצייגען, אז זיי זיינען גערעכט, האבען זיי פארקער־קערט, געראבעוועט און געברענט זייערע מיטמענשען. אום צו הייליגען דיזען בוך, האט מען אנגעווענדעט הונגער, שווערד, פייער, קערקער, קייטען, בייטשען, קינזשאלען, פורכט און פאלשקייט. דורות גאנצע זיינען אונטערגעקויפט געווארען מיט דעם פארשפרע־כען פון „גן־עדן" און דאס סטראשען מיט די שרעקען פון דעם „גהינום".

לאמיר נאר עקזאמינירען א טייל פון דעם בוך, ניט אין דער פינסטערניש פון אונזער פורכט, זאנדערן אין דער ליכטיגקייט פון פערנונפט, פון אונזער שכל.

פון אנפאנג וועלען מיר עקזאמינירען די ערצעהלונג וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען, לויט נאך דער ביבעל, מאנטאג פריה, 5683 יאהר צוריק.

מאנטאג

משה פאנגט אן זיין ערצעהלונג דערמיט, דאס „אין

אנפאנג האט גאט באשאפען הימעל און ערד". אויב דאס האט איבערהויפט וועלכע מיינונג, מיינט עס: ער האט פראדוצירט, געמאכט עקזיסטירען אדער גערופען אינ'ם דאזיין הימעל און ערד. מ'קען ניט זאגען, אז ער האט געפארמירט די שוין פון פריהער באשטעהענדע מאטעריע. משה צייגט אן, דאס די מא־טעריע, פון וואס דער הימעל און ערד זיינען באשאפען געווארען, האט אויך גאט באשאפען.

עס איז מיר אוממעגליך צו באגרייפען, אז עטוואס זאל באשאפען ווערען פון גארניט. איך קען ניט פארשטעהן מאטעריע אהן קראפט, אויך איז עס אוממעגליך צו דיינקען פון קראפט אהן מאטעריע. איהר קענט זיך ניט פארשטעלען, אז מא־טעריע זאל ווערען צו־ניכטס. אויך קענט איהר זיך ניט פאר־שטעלען, אז פון גארניט זאל ווערען עטוואס. מ'קען אייך אויף אייביג פארשילטען, ווען איהר זאגט, אז איהר גלויבט דאס ניט, אבער איהר קענט עס דאך ניט גלויבען. אזוי איז שוין די געביידע פון דעם מענשליכען פארשטאנד, דאס ער קען זאגאר ניט דיינ־קען איבער אן אנפאנג פון מאטעריע און קראפט.

אויב גאט האט באשאפען די וועלט, האט דאך געמוזט זיין א צייט, ווען ער האט עס אנגעפאנגען, און איידער ער האט עס אנגעפאנגען, האט געמוזט פארבייגעהן אן אייביגקייט. וואס האט גאט געטאן אין דיזער אייביגקייט? עס איז אוממעגליך געוועזן פאר איהם צו דיינקען, ווייל עס איז ניט געוועזן איבער וואס צו דיינקען. עס האט קיין זאך ניט געטראפען, אום ער זאל עטוואס גערדיינקען. וואס האט ער, אלזא, געטאן? קענט איהר זיך דען פארשטעלען א גרעסערע לעכערליכקייט, ווי אזוי אן אומ־ענדליכעס, אומבאגרענצטעס, פארשטענדיגעס וועזען, איין אן אומ־באגרענצטען „ניכטס", קען זיין אומטעטיג א גאנצע אייביגקייט?

איך וועל ניט זאגען, אז איך ווייס ווי אזוי דאס אלעס איז, נאר א באהויפטונג, וועלכע קען ניט פארשטאנען ווערען פון מענ־שען און וועלכע שיינט צו זיין אוממעגליך; א באהויפטונג, וועל־כע ווידערשפרעכט יעדע פראקטישע ערפאהרונג און איז ניט אין אנקלאנג מיט דעם, וואס מיר ווייסען, — אזא מין באהויפטונג מוז פארווארפען ווערען פון יעדען עהרליכען מענשען.

אין משה'ס צייט איז קיין קונץ ניט געווען צו שרייבען אז

ערצעהלונג וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט. ער האָט דאַרום געקענט שרייבען מיט זיכערהייט וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט נאָר געהאט צוזאמענצוקלייבען די מיינונגען, וואָס די מענשען האָבען דאן געהאט. אין יענער צייט האָט קיין איד ניט געקענט רעדען אַ וואָרט דאגעגען, ווער עס זאָל קענען מיט אויטאָריטעט ווידערלעגען דאָס, וואָס ער האָט געשריבען. כמעט דיזעלבע געשיכטע איז אויסגעקריצט, אין מאָדנע צייכענס, אויף די ליימטאפלען פון בבל, אויף די גרויסע מאָנומענטען פון עגיפּטען און אין די דונקעלע טעמפּעלס פון אינדיען. אין יענע צייטען איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישען די געבילדעטע און די אומגעבילדעטע. דאָס פאָלק איז קאָנטראָלירט געוואָרען נור דורך אותות ומופתים, דורך צייכענס און וואונדערס. דורך דעם מיטעל פון פורכט האָבען די פּריסטער דאן באהערשט די וועלט. די הייליגע ערצעהלונגען זיינען געוואָרען פאבריצירט, געהאלטען און געענדערט פון זיי. דאָס פאָלק האָט ניט געקענט לעזען און האָט באַטראַכט כמעט פאר אַ גאָט דעם יעניגען, וואָס האָט יאָ געקענט עטוואָס לעזען. אין אונזער צייט איז גאָר שווער צו באגרייפען די מאָכט, וועלכע אַ געבילדעטער קלאָס האָט געהאט אין דער באַרבאַרישער צייט. עס איז נאָר נויטיג געווען צו צייגען דעם הייליגען בוך פאר דער אומוויסענדער מאסע און זי איז געפאלען אויף די קניע. מען האָט דעם פאָלק געלערנט, אַז דאָס בוך איז דער פּראָדוקט פון גאָט׳ס גייסט און דארום איז עס ריכטיג. מען האָט זיי ניט געזאָגט, אַז עס איז ריכטיג און דערפאַר איז עס דורכגעדרונגען פון גאָט׳ס גייסט.

נאָך אלעמען אָבער איז די ריכטיגע פראגע ניט, אויב די ביבעל איז באַגייסטערט און הייליג. די הויפּט-פּראַגע איז, אויב זי איז אמת? איז זי אמת, דאן איז עס גאָר ניט נויטווענדיג, אַז זי זאָל זיין דורכגעדרונגען פון גאָט׳ס גייסט; עס איז גאָר קיין אונטערשייד ניט, צי זי איז געשריבען פון אַ מענשען אָדער אַ גאָט, אבי זי איז אמת. איז זי אָבער ניט אמת, דאן קען איהר אפילו גאָט׳ס גייסט אויך ניט העלפען; אַ ליגען בלייבט אַ ליגען. וואו די ריכטיגקייט איז, דאַרף גאָר די ווארהייט ניט האָבען אָט די אלע איינריידענישען פון אַ גאָט׳ס גייסט; נור פאַלש-

קייט אָדער דומהייטען דארפען עס האָבען. א ווארהייט האָט קיינמאָל ניט געהאט צו טאָן מיט נסים, מיט וואונדער.

מיר שיינט, אז דער פארשטאַנד איז די העכסטע אייגענ־שאפט ביים מענשען, און ווען עס וואָלט מעגליך געווען, דאָס גאָט זאָל קענען עפעס מיטטיילען דעם מענשען, דאן וואָלט ער עס גע־מוזט אדרעסירען נ אָ ר צו זיין פארשטאַנד. עס איז ניט מעג־ליך, דאָס אום צו פארשטעהן גאָט'ס ווילען, זאָל נויטיג זיין אוועק־צוואווארפען אונזער פארשטאַנד. ווי אזוי האָט גאָט געקענט לאָזען ווערען זיין ווילען צו א באשעפעניש אָהן פארשטאַנד? ווי אזוי קען א מענש אָננעמען א זאך, וואָס זעהט איהם אויס צו זיין אומפארניפטיג, אלס א הייליגע ערקלערונג פון גאָט? גאָט קען ניט מאַכען אן ענטדעקונג צו אן אנדער מענשען פאר מיר. גאָט מוז עס מאכען צו מיר אליין, און ביז ער קען ניט איבערצייגען מיין פארשטאַנד, אז דאָס איז דער אמת, קען איך עס ניט אָנ־נעמען.

די באהויפטונג, דאָס אין אָנ פ אָ נ ג האָט גאָט באשאַפען הימעל און ערד, קען איך ניט אָננעמען; עס איז געגען מיין פארשטאַנד, און דארום קען איך עס ניט גלויבען. דער שכל איז מיר מחיב, אז ק ר אָ פ ט האָט עקזיסטירט א י י ב י ג. קראפט, ווי מיר קומט פאָר, קען ניט עקזיסטירען אָפגעזונדערט פון מאַטעריע. די נאַטור פון קראפט איז אימער צו זיין אקטיוו, טעטיג, און אָהן מאַטעריע קען זי עס ניט זיין; דארום דיינק איך, אז מאַטעריע האָט עקזיסטירט אייביג; זיך צו מאַכען א באַ־גריף פון מאַטעריע אָהן קראפט, פון קראפט אָהן מאַטעריע, פון א צייט, ווען קיינער פון דיביידע האָט ניט עקזיסטירט און פון א וועזען, וואָס האָט עקזיסטירט אן אייביגקייט אָהן די ביידע, און וועלכער האָט פון ג אָ ר נ י ט באשאַפען אָט די ביידע (קראפט און מאַטעריע), — זיך צו מאַכען א באגריף פון דעם אלעמען, איז פאר מיר אן אוממעגליכקייט. איך קען פארדאמט ווערען דער־פאר, אָבער איך קען זיך ניט העלפען; נאָך מיין מיינונג נאָך האָט זיך משה געאירט.

מען קען ניט זאָגען, דאָס משה האָט נאָר געוואָלט דערצעה־לען וואָס גאָט האָט געטאָן, מאַכענדיג די הימלען און די ערד פון דער מאַטעריע, וועלכע האָט שוין דאן עקזיסטירט. ער זאָגט

אויסדריקליך: אין אָנפאַנג האָט ער זיי באַשאַפען. אויב דיזע באַהויפּטונג איז ריכטיג, מוזען מיר גלויבען, אַז גאָט, עקזיסטירענדיג אין אַן אומבאַגרענצטען פּלאַץ, אַרומגערינגעלט פון אַן אייביגען ניכטס, פון גאַרנישט, פון תהו ובהו, האָט פּראָדוצירט, פאַראורזאַכט און געמאַכט עקזיסטירען דיזע מיליאָנען פון וועלטען.

די צווייטע זאַך, וואָס אָט דער הייליגער מאַן דערצעהלט אונז, איז, דאָס גאָט האָט באַשאַפען ליכט און האָט עס אָפּגעטיילט פון דער פינסטערניש. געווים, די פּערזאָן, וואָס האָט עס געשריבען, האָט געדיינקט, אַז פינסטערניש איז אַ געגענשטאַנד, אַ מאַטעריאַל, וואָס קען ווערען פאַרמישט און פאַרטשעפּעט מיט ליכטיגקייט, און אַז דיזע געגענשטאַנדען, ליכט און פינסטערניש, האָבען געמוזט צוטיילט ווערען. ער האָט, אַפּנים, געזעהען אין חלום, ווי גאָט ווארפט שטיקלאַך פינסטערניש אויף איין זייט און שטראַהלען פון ליכט אויף דער צווייטער. פיליכט זיינען אַנדערע גרעסערע חכמים און פאַרשטעהען עס; איך קען בשום אופן ניט באַגרייפען, ווי אַזוי ליכט קען אָפּגעזונדערט ווערען פון פינסטערניש. איך האָב אימער פאַרשטאַנען, אַז פינסטערניש הייסט: די אַבוועזענהייט פון ליכט, און דאָס אונטער קיינע אומשטענדען איז ניט מעגליך צו נעהמען פינסטערניש פון ליכט. עס איז זיכער, אַז משה האָט געגלויבט, אַז פינסטערניש איז אַ פאָרמע פון מאַטעריע, ווייל איך געפין אין אַן אַנדער פּלאַץ, וואו ער רעדט פון אַ פינסטערניש, וואָס מען האָט געקענט אָנטאַפּען. אויף אַן אויסשטעלונג אין רוים, האָבען זיי געהאַט אַ פלאַש מיט די זעלבע פינסטערניש, וועלכע האָט אמאָל פאַרשפּרייט עגיפּטען.

איהר קענט ניט אָפּטיילען ליכט פון פינסטערניש, אַזוי ווי איהר קענט ניט אָפּטיילען היץ פון קעלט. קעלט איז די אַבוועזענהייט פון היץ, פינסטערניש — די אַבוועזענהייט פון ליכט. איך מיין, אַז מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען אַן אַבסאָלוטע קעלט. מיר ווייסען נאָר די גראַדען פון היץ: 20 גראַד נידעריגער פון זעראָ (0) איז 20 גראַד וואַרעמער, ווי 40 גראַד אונטער זעראָ. איך קען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי ליכט קען אָפּגעטיילט ווערען פון פינסטערניש, אָבער איך קען פאַרשטעהן, אַז אַן אומוויסענדער, שרייבענדיג מיט עטליכע טויזענד יאָהר צוריק איבער אַ געגענשטאַנד, וועל-

בען ער האָט ניט פארשטאַנען, האָט געקענט האָבען אַן אירטום. דער באַשאַפער פון ליכט וואָלט ניט געקענט שרייבען אויף אַזאַ מין אופן. אויב אַזעלכער עקזיסטירט, האָט ער געמוזט וויסען די נאַטור פון ליכט, וועלכע פאַרבט די ערד אין פאַרשידענע קאָלירען, באַפוצט און באַשיינט דיזע אומצעהליגע מאַסע פון וועלטען.

דינסטאָג

משה דערצעהלט אונז ווייטער, אַז גאָט האָט געזאָגט: „יהי רקיע בתוך המים", עס זאָל זיין אַ פאַרשפּרייטונג אין מיטען פון די וואַסערען, און עס זאָל זיך אָפּטיילען דאָס וואַסער פון'ם וואַסער; און גאָט האָט געמאַכט די פאַרשפּרייטונג (הימעל) און האָט אָפּגעטיילט די וואַסערען, וועלכע זיינען געווען אונטער דער פאַרשפּרייטונג, פון'ם וואַסער, וואָס איז געווען איבער דער פאַרשפּרייטונג.

וואָס האָט דער שרייבער געמיינט מיט דעם וואָרט „רקיע". פאַרשפּרייטונג, וואָס זאָל צוטיילען וואַסער אַזוי, אַז די אויבערשטע זאָל ניט אַרונטערפאַלען און זיך ניט פאַרמישען מיט די אונטערשטע? וואַרשיינליך האָט משה באַטראַכט די אויסשפּרייטונג אַלס אַ פאַרהאַרטעוועטען געגענשטאַנד, אַלס אַ פּלאַץ, וואו גאָט האָט געוואוינט און וואו דאָס וואַסער איז אויפגעהאַלטען געוואָרען. אָט צוליעב דעם פּלעגט מען עס בעטען גאָט, אַז ער זאָל שיקען רעגען. זיי האָבען געמיינט, אַז אַ מלאך האָט געקענט באַריהרען אַ ספּראָנדזשינע, וועלכע זאָל עפענען אַ טויער און אַרויסגיסען אַ רעגען. זיי האָבען אויך געמיינט, דאָס מיט דיזען וואַסער איז פאַרטרונקען געוואָרען די וועלט, ווען גאָט האָט געעפענט די פענסטער פון הימעל. אין דיזער „אויסשפּרייטונג" האָבען עס געוואוינט די „בני־אלהים" — יענע גאָט'ס זיהן, וועלכע „האָבען געזעהן די טעכטער פון דער ערד, אַז זיי זיינען שעהן און האָבען גענומען פאַר ווייבער די, וועלכע זיינען זיי אַמבעסטען געפעלען".

עס קען גאָר ניט זיין דייטליכער ווי דאָס, אַז משה האָט געמיינט, דאָס דער הימעל איז געווען אַן אומגעהייער גרויסער שטיק מאַטעריאַל, וועלכער האָט אָפּגעשיידעט דאָס וואַסער פון דער וועלט און אויף וועלכען גאָט האָט געוואוינט, אַרומגערינגעלט פון

זיינע מלאכים. עס איז פאר משה'ן אוממעגליך געוועזן צו גע־בען אן אנדער שילדערונג פון רעגען. פון וואנען האט זיך דאס וואסער גענומען? ער האט קיין אהנונג ניט געהאט פונ'ם גע־זעץ פון פארע. ער האט ניט געוואוסט, אז די זון האט זיך גע־ליבט אינ'ם ים און האט געקושט די כוואליעס זיינע; און די כוואליעס, אנגעקליידעט אין טוי, האבען זיך אויפגעהויבען צו טרע־פען זייער געליבטען, און ניט קענענדיג איהם דערגרייכען, האבען זיי זיך אומוואנדעלט אין טרערען און זיינען ארונטערגעפאלען אין טראפענס, אלס רעגען.

די אידעע, דאס דער הימעל איז די וואוינונג פון גאט, האט אויך געמוזט זיין אין משה'ס געדאנק, ווען ער האט אונז דער־צעהלט דעם חלום פון י ע ק ב. „ויחלום וכו', און יעקב'ן האט זיך גע'חלום'ט, אז א לייטער שטעהט אויף דער ערד און דער שפיץ גרייכט צום הימעל און די מלאכים געהען אויף איהם ארויף און אראפ... און ער האט געזעהן, ווי גאט איז געשטאנען איבער איהם און האט געזאגט: „איך בין דיין הערר, גאט"

און אזוי אויך, ווען דאס פאלק האט געבויט דעם טהורם פון בבל, „איז גאט ארונטערגעקומען זעהן די שטאדט און דעם טהורם, וועלכען זיי האבען געבויט" (נח, ה'). דער מענש, וועלכער האט דערציילט אזא געשיכטע, האט קיין אנדער אידעע ניט געקענט האבען, ווי נאר דאס גאט זיצט אין הימעל.

גאט האט געקענט זעהר גרינג ארויפנעמען אויפ'ן הימעל די אלע מענשען, וועלכע ער האט פארלאנגט. דער הימעל איז זיי פארגעקומען גאר ניט ווייט פון דער ערד. א ל י ה ו, ח נ ו ך און קריסטוס זיינען ארויף אויבען. די שרייבערס איז געווים ניט ארויף אויפ'ן געדאנק, אז ווען דער הימעל זאל אפילו נאר זיין זיבעציג אדער אכציג מייל העכער פון דער ערד, וואלטען אליהו, חנוך און אנדערע געווים פארפרארען געווארען, איידער זיי זיינען ארויף. עס איז מעגליך, אז אליהו וואלט אפשר ניט פארפרא־רען געווארען, ווייל ער האט געמאכט זיין רייזע אין אן עקיפאזש פון פייער און איז ארויפגעבלאזען געווארען פון א שטורם־ווינד.

אז משה האט א טעות געהאט, איז גאר קיין ספק ניט. און אויף דיזען טעות האבען די גלויביגע געבויט זייער הימעל, זייער גן־עדן און זייער גיהנום. דער טעלעסקאפ האט צערשטערט זייערע

איינבילדונגען פון הימעל און האָט אוועקגעמאכט מיט'ן הימעל פון דער ביבעל. דאָס ארויפשטייגען אין הימעל פון ק ר י ס ט ו ס און אנדערע איז געוואָרען אוממעגליך, און אַנשטאָט דעם הימעל, האָבען מיר געקראָגען אן איינבליק אין די אומצעהליגע מאסען פון וועלטען.

מ י ט װ אָ ך

ווייטער דערצעהלט אונז דער היסטאָריקער פון דער „וועלט־באשאפונג", אז אזוי גיך ווי גאָט האָט געענדיגט די אָפּטיילונג פון די וואסערען, האָט ער זיי צוזאמענגעקליבען אין ימים, כדי די יבשה, די טרוקענע ערד, זאָל ערשיינען.

דער שרייבער פון דיזעס האָט געוויס ניט געוואוסט, אז די ערד איז קוגעל־פאָרמיג. ער האָט גאָר ניט געוואוסט פון דעם גראוויטאציאָנס־געזעץ (צוציהונגס־קראפט); ער האָט געוויס גע־דיינקט, אז די ערד איז פלאַך און דארום האָט ער גערעכענט, אז עס איז נויטיג א סך קראפט, אום אראָפּצוציהען די וואסערען פון די בערג אין די טאָלען אריין. באַלד נאָכדעם, ווי די וואסערען זיי־נען אראָפּ פון די בערג, איז די יבשה ערשינען; דאָס גראָז האָט אָנגעהויבען צו וואקסען, די בערג זיינען באצויגען געוואָרען מיט א גרינעם מאַנטעל און די בוימער האָבען אָנגעפאנגען צו בליהען און האָבען ארויסגעגעבען פרוכט.

און דאָס אלעס האָט פאסירט נאָך איידער א שטראַהל פון ליכט איז ארויס פון דער זון, איידער דער בוזים פון א בלום איז נאָך באריהרט געוואָרען פון דער ליבענדער זונענשיין.

איך פארשטעה ניט, ווי עס איז מעגליך, אז גראָז און בוי־מער זאָלען וואקסען, זאָלען ווערען צייטיג אָהן דער זון. נאָך משה'ס באהויפּטונג האָט עס פאסירט דעם דריטען טאָג. נון, ווען מיר זאָלען אָננעמען די באהויפּטונג פון די קריסטען, וועל־כע זאָגען, אז משה האָט ניט געמיינט מיט דעם וואָרט ט אָ ג 24 שטונדען, זאָנדערן זעהר א לאַנגע פעריאָדע פון טויזענדער יאָהרען, שטעלט זיך די פראגע: צו וועלכע נוצען האָט גאָט גע־מאכט וואקסען דאָס גראָז און געלאָזט די בוימער טראָגען פירות, אז ער האָט נאָך קיין חיות ניט באשאפען ביז דעם פינפטען טאָג.

וואָס מיינט, נאָך די קריסטליכע חכמים נאָך מיט טויזענדער יאָה־רען שפּעטער?

משה דערצעהלט, אז דעם דריטען טאָג האָט גאָט געזאָגט: תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע עץ פרי עשה פרי למינו אשר זרעו בו על הארץ ויהי כן. און די ערד האָט ארויסגעגעבען פּרוכט נאָך זיין מין. וירא אלהים כי טוב, און גאָט האָט געזעהן, אז עס איז גוט, און דער אבענד און דער מאָרגען זיינען געווען דער דריטער טאָג.

עס איז קיינער ניט געווען וועלכער זאָל קענען געברויכען די פּרוכט; קיין איין פליגעלע, מיט איהרע פיינגענפאַרבטע פּלי־גערלאַך, האָט ניט געזוכט די האָניג פון די בלומען. די ערד איז באַדעקט מיט גראָז, איבעראַל פילע פאַרשידענע קרייטיכער און פּירות, אָבער קיין איין מויל איז ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט דערפון צו געניסען. אויב משה איז גערעכט, דאַן האָט דיזער צו־שטאַנד נאָר געדויערט צוויי טעג, אָבער, ווען מיר זאָלען גלויבען די מאָדערנע הייליגע שרייבער, האָט עס געדויערט מיליאָנען יאָה־רען.

עס איז יעצט גוט באַקאַנט, דאָס די געשיכטע פון דער ערד קען צוטיילט ווערען אין פינף עפּאָכען (צייטען): „פּרימאַרדיאַל“ די ערשטע אין אָרדנונג און אזוי ווייטער. יעדע פון דיזע פּעריאָ־דען ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די טיערע און פּלאַנצונגען, וועל־כע געהערען אויסשליסליך צו יענער עפּאָכע און ניט צו קיין אַנ־דערער.

אין דער ערשטער עפּאָכע געפינען מיר וואסער־פּלאַנצען און ברואים אָהן קעפּ; אין דער צווייטער — וואסער־בלעטער און פיש; אין דער דריטער — וועלדער און שרצים; אין דער פערד־טער — בוימער מיט בליהונג און זויג־חיות; אין דער פינפטער — מענשען.

איז ניט די ערקלערונג פון דער וויסענשאַפט פיעל פאַרניגנפּ־טיגער, פיעל וואַרשיינליכער, ווי די אידעע, אז גראָז און קרייטי־כער האָבען עקזיסטירט מיליאָנען יאָהרען, נאָך איידער א לעבע־דיגע חיה האָט עקזיסטירט?

מיין שכל זאָגט מיר, אז געוויסע מינים קרייטיכער און

געוויסע סאָרטען חיות זאָלען האָבען עקזיסטירט צוזאַמען, און דאָס אַזוי באַלד ווי עס האָט זיך אומגעענדערט דער כאַראַקטער פון די פלאַנצונגען, אַזוי האָט זיך אויך אומגעענדערט דער סאָרט פון די ברואים, וועלכע האָבען דאַמאָלסט געלעבט. מעגליך, אַז איך קום צו די שליסע, ווייל איך וויל זיך ניט אונטערוואַרפען. ווייל מיין האַרץ איז שלעכט, אָדער איך בין „פאַרפיהרט" פון מיין פאַרשטאַנד, אָבער איך קען בשום אופן ניט גלויבען, אַז די ערד איז געוועזען באַדעקט מיט גראָז און פרוכט, איידער די זון, מיט איהרע לייכטענדע שטראַהלען, האָט פאַרטריבען די שאָטענס פון דער נאַכט.

דאָנערשטאָג

נאָכדעם ווי די וועלט איז שוין געוועזען באַדעקט מיט גרינסען, איז ערשט משה'ן אין קאָפּ אריין, אַז עס איז צייט צו מאַכען אַ זון מיט אַ לבנה; און ער דערצעהלט אונז טאַקי, אַז אויפ'ן פערטען טאָג האָט גאָט געזאָגט: „יהי מארת ברקיע השמים להבדיל בין היום ובין הלילה והיו לאתות ולמועדים ולימים ושנים. און אַזוי איז טאַקי געשעהן. און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכטער, דאָס גרעסערע ליכט זאָל הערשען בייטאָג און דאָס קלענערע — ביינאַכט; ער האָט אויך געמאַכט די שטערן".

קענען מיר דען גלויבען, אַז דער געטליכער שרייבער האָט געהאַט וועלכע־עס־ניט־איז אידעע איבער דער גרויס פון דער זון? מאַכט אויף פּאַפּיר אַ צירקעל, פינף צאָל גרויס, און שטעכט דורך, ביי זיין זייט אַ שפּילקע, וועט דער לאַך, וואָס די שפּילקע האָט געמאַכט, זיין אינ'ם זעלבען פאַרהעלטניס צום צירקעל, ווי די ערד איז צו דער זון. האָט ער דען געוואוסט, אַז די זון איז 860,000 מייל אין דיאַמעטער*)? האָט ער געוואוסט, אַז די זון איז באַצויגען מיט אַ פייער, טויזענדע מיילען דיק, און נאָך הייסער ווי דער קריסטליכער גהינום? האָט ער געוואוסט, אַז די פלאַמען באַוועגען זיך מיט אַ געשווינדקייט פון הונדערטע מיילען אין אַ סעקונדע? האָט ער דען געוואוסט, אַז די זון וואַרפט אַרויס פון זיך, יעדען מאָמענט, אַזויפיל היץ, וויפיל עלף טויזענד מיליאָנען טאָן ברענענדיגע קוילען? האָט ער געוואוסט פון די

הונדערט־און־פיער פּלאַנעטען, וואָס געהערען צו אונזער זונען־סיסטעם און וועלכע זיינען אַלע די קינדער פון דער זון? פון יופּיטער, 85 טויזענד מיילען אין דיאַמעטער, הונדערט מאָל גרעסער פון אונזער ערד און וועלכער באַוועגט זיך מיט א געשווינדקייט פון פינף־און־צוואַנציג טויזענד מייל א שטונדע, באַגלייט פון פיער לבנות, וועלכע מאַכען דורך, אין פופציג יאָהר, זייער רייזע, א שטרעקע פון דריי טויזענד מיליאָן מייל? האָט ער געוואוסט עטוואָס פון סאַטורן וועגען זיינע רינגען און אַכט לבנות? האָט ער געהאַט וועלכע־עס־איז אידעע, אז די אַלע פּלאַנעטען זיינען אמאָל געווען א טייל פון דער זון, אז דאָס גרויסע ליכט איז אמאָל געווען טויזענד מיליאָנען מיילען אין דיאַמעטער, אז נעפּטון, אוראַנוס, סאַטורן, יופּיטער און מאַרס (אַלע גרויסע שטערנס), האָבען שוין עקזיסטירט פריהער פון אונזער ערד, און אז עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט, דאָס די וועלט זאָל עקזיסטירען דריי טעג אָדער דריי פּעריאָדען, נאָך איידער די קוועלע פון לעבען, די זון, האָט עקזיסטירט?

משה האָט געמיינט, אז די גרויס פון דער זון דאַרף ניט זיין מעהר ווי פיער אָדער פינף פוס אין דיאַמעטער און די לבנה איז א העלפט די גרויס. אין פאַרגלייך מיט דער ערד, האָבען זיי איהם אויסגעוויזען אזוי ווי קליינע פינטעלאַך. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון אַלע אַנדערע הייליגע. ביי יהושע׳ן געפינען מיר, אז די זון מיט דער לבנה זיינען געשטאַנען שטיל, ביז וואַנען דאָס פאָלק האָט גענומען ראַכע פון זיינע שונאים. „אזוי איז די זון געשטאַנען אין מיטען הימעל און האָט זיך ניט געאיילט ארונטערצוגעהן דעם גאַנצען טאָג“.

מען זאָגט אונז, אז דער הייליגער שרייבער האָט געשריבען אין א געוויינליכער שפּראַך, אזוי ווי מיר ריידען וועגען אונטערגאַנג און אויפגאַנג פון דער זון, און דאָס אַלעס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען איז, אז די ערד האָט זיך אויפגעהערט צו דרייען אויף א גאַנצען טאָג.

מיין מיינונג איז, אז דער גענעראַל יהושע האָט געוואוסט

---

*) א ליניע דורכ׳ן מיטען וואָס גרייכט פון איין עק ביז׳ן אַנדערען פון א צירקעל.

אזויפיל וועגען די בעוועגונגען פון דער ערד, פונקט וויפיל ער האט געוואוסט פון מיטלייד און גערעכטיגקייט; ווער ער וואלט געוואוסט, דאס די ערד דרייט זיך ארום איהרע אקסען מיט דער געשווינדקייט פון טויזענד מייל א שטונדע און לויפט פארביי, אין איהר גאנג, 68 טויזענד מייל א שטונדע ארום דער זון — ווען ער וואלט עס געוואוסט, וואלט ער פארדאפעלט דעם שטיין־האגעל, פון וועלכען ער רעדט אין דעם זעלבען קאפיטעל און וועלכען גאט האט געלאזט פאלען פון הימעל, כדי די זון און די לבנה זאלען קענען אויפגעהן און אונטערגעהן אין דעם געוויינליכען וועג.

עס איז גאר ניט דענקבאר, אז גאט, אויב עס איז דא אזעל־כער, זאל אפשטעלען די ערד, אדער בייטען די קאנסטיטוציאן פון דער לופט אדער דער נאטור פון ליכט צו געבען יהושע'ן א מעג־ליכקייט צו הרג'ענען די מענשען אין א געוויסען טאג, ווערענד ער האט געקענט ווארטען ביז מארגען. זיכערליך, עס קען גאר ניט זיין אנגענעהם פאר גאט, ווען מיר גלויבען וועגען איהם אזעלכע קינדערשע געשיכטען.

עס איז באוויזען, אז קראפט איז אייביג, אז עס איז אימער טעטיג און קען נור אין פארשידענע פארמען זיך אומענדערען. אבער ניט צערשטערט ווערען. באוועגונג איז א פארמע פון קראפט, און אלע ארעסטירטע, „אפגעשטעלטע" באוועגונגען פאר־בייטען זיך באלד אין היץ. די ערד דרעהט זיך אויף איהרע אקסען ביז טויזענד מאל אין א שטונדע; זאל עס ווערען אפגעשטעלט, דאן ווערט א געוואלדיגע קראפט פארביטען אין היץ. עס איז אויסגערעכענט געווארען, אז דאס אפשטעלען זיך פון דער ערד וואלט ארויסגעבראכט א היץ, ווי די היץ פון א ברענענדיגע שטיק קויל, דריי מאל אזוי די גרויס אזוי ווי די ערד. און דאך פאר־לאנגט מען, אז מיר זאלען גלויבען, דאס אלץ איז געשעהן אזוי ווי אין פסוק שטעהט, כדי איין בארבאר זאל קענען בייקומען דעם צווייטען. אזעלכע מעשיות וואלטען ניט געשריבען געווארען, ווען מען וואלט ניט געגלויבט, אז די הימלישע קערפערס זיינען געגלי־כען צו גארנישט אין פארגלייך צו דער ערד.

אין דיזער איינבילדונג וועגען דער זון און דער לבנה, האל־טען זיך די אידען און קריסטען שוין פון טויזענדער יאהרען. עס איז געזאגט, אז משה האט געלעבט פופצעהן הונדערט יאהר איי־

דער קריסטוס איז געבוירען געוואָרען, און אַבוואָהל ער איז גע־ווען באַגייסטערט פון גאָט און האָט אַלעס געשריבען דורך זיין באַפעל, דאָך האָט ער ניט געוואוסט אַזויפיל וועגען דער זונען־סיסטעם, וויפיל די כינעזער האָבען געוואוסט נאָך מיט טויזענד יאָהר פאר זיין געבורט. דער קייזער ט ש א ו ע נ ה י האָט באַשטימט, אַלס אַן עפּאָכע, די פאראייניגונג פון די פּלאַנעטען מערקיורי, מארס, יופּיטער און סאטורן, וואָס ווי עס איז באוויזען געוואָרען פון מ. ב י י ל י האָט פּאסירט ניט ווייניגער ווי 2,449 יאָהר פאר קריסטוס. די אַלטע כינעזער האָבען ניט נאָר געוואוסט פון די באַוועגונגען פון די פּלאַנעטען, זאָנדערן זיי האָ־בען אויך געקענט אויסרעכענען די צייטען פון לקוי־חמה. אין דער צייט פונ׳ם קייזער ט ש א ו ק אַ נ ג זיינען די הויפּט־אסטראָנאָמען (שטערן־זעהער) ה י און ה אָ פאראורטיילט גע־וואָרען צום טויט פאר זייער פארפעהלען באַקאַנט צו מאכען אַ לקוי־חמה, וועלכע האָט געזאָלט טרעפען, מיט 2,169 יאָהר פאר קריסטוס. אַ קלאָרער באַוויז, אַז דער פאָרזאָגען פון דיזע ער־שיינונגען איז געווען די פליכט פון די קעניגליכע אסטראָנאָמען.

איז עס ניט וואונדערבאר, אַז כינעזער, דורך זייערע אייגענע מיה און ערפארונגען, זאָלען מעהר וויסען וועגען דער וועלט און די פּלאַנעטען, ווי משה האָט געוואוסט און נאָך מיט דער הילף פון גאָט ? !

— „ער האָט אויך געמאַכט די שטערן“.

משה האָט נאָך אַ האָר שיער ניט פארגעסען עטוואָס צו זאָ־גען וועגען די שטערן ; ער עראינערט זיי נאָר אין פינף ווערטער, אַזוי ווי אַ קלייניגקייט, איבער וועלכע עס איז ניטאָ פיעל צו ריידען.

האָט ער אָבער געוואוסט, אַז דער נאָהענטסטער שטערן איז איין־און־צוואנציג ביליאָן מייל ווייט פון אונז און דאָס עס איז אַ זון, וועלכע שיינט פון איהר אייגענער ליכט ? האָט ער געוואוסט פון דעם צווייטען„ וועלכער איז זיבען־און־דרייסיג ביליאָן מייל ווייט פון אונז ? איז עס מעגליך, אַז ער האָט געוואוסט פון סי־ריאוס, אַ זון, וועלכע איז 2788 מאָל אַזוי גרויס ווי אונזערע, ארומגערינגעלט מיט אַ סיסטעם פון הימלישע קערפּער און ער־

ווייטערט פון אונז מיט 82 ביליאָן מייל? האָט ער געוואוסט, אז דער שטערן פון דעם פּ אָ ל, וועלכער ציינט דעם שיפער זיין וועג אויפ'ן ים, איז דערווייטערט פון אונז ביז 92 ביליאָן מייל? האָט ער געוואוסט, אז עס וואָלט דויערן 72 יאָהר, איידער דער ערשטער שטראהל פון ליכט זאָל אונז דערגרייכען פון שטערן? האָט ער געוואוסט, אז ליכט לויפט מיט א געשווינדקייט פון 185,000 מייל אין א סעקונדע? האָט ער דען געוואוסט, אז עס זיינען דאָ שטערן, וועלכע זיינען אזוי ווייט פון אונז, אז עס נעהמט פ י נ ף מ י ל י א ן יאָהר, איידער דאָס ליכט מיט זיין געשווינדקייט דערגרייכט אונזער ערד?

נון, אויב די איבערצייגונג פון דער וויסענשאַפט איז ריכ־טיג, און אויב די שטערן — אזוי ווי די ביבעל זאָגט אונז — זיי־נען באַשאַפען געוואָרען, ווען די ערד איז שוין געווען פאַרטיג, דאַן האָט זיך די ערד שוין געדרייט, אין איהר גאנג, אמווייניגסטענס פינף מיליאָן יאָהר, איידער די ליכט־שטראַהלען פון די שטערן זיינען אָנגעקומען.

מען קען ענטפערען, אז גאָט האָט אונז ניט געוואָלט לער־נען געאָלאָגיע און אסטראָנאָמיע. אויב אַזוי — צו וואָס־זשע האָט ער עס גאָר געדאַרפט עראינערען? און אויב ער האָט שוין יאָ עטוואָס עראינערט, פאַרוואָס־זשע האָט ער אונז ניט געזאָגט דעם אמת?

אזוי ווי די ביבעל זאָגט אונז, האָט גאָט דעם ערשטען טאָג באַשאַפען דעם הימעל און ערד. „ער האָט געשוועבט איבער'ן וואסער" און האָט געמאכט ליכט. דעם צווייטען טאָג האָט ער געמאַכט די אויסשפּרייטונג און האָט פאַנאנדערגעטיילט די וואַ־סערען. דעם דריטען טאָג האָט ער צוזאַמענגעקליבען די וואסע־רען אין ים, געמאכט די ערד טרוקען און געמאכט, אז זי זאָל אַרויסברייינגען גראָז און בוימער. דער פערטען טאָג האָט ער גע־מאַכט די זון, די לבנה, די שטערן און האָט זיי אריינגעזעצט אין הימעל, צו לייכטען אויף דער ערד. די פאַרטיילונג פון דער אר־בייט איז מערקווירדיג. די ארבייט פון די פריהערדיגע טעג איז א גאָרנישט, אין פאַרגלייך מיט דער ארבייט פון דער פערטען טאָג. איז עס דען מעגליך, דאָס מען האָט געדאַרפט אזוי פיעל צייט און ארבייט צו מאַכען גראָז און בוימער, פונקט אזוי ווי

אַנצופילען מיט די איינצעלבארע שטערן די אומבאגרענצטע שטרע־
קע פון דער פארשפרייטונג?

פרייטאָג

משה דערצעהלט אונז ווייטער, אז אין דעם טאָג האָט גאָט געזאָגט: „דאָס וואסער זאָל ארויסגעבען פילע באשעפענישען, וואס האָבען לעבען און פויגלען זאָלען פליהען אין דער לופט. און גאָט האָט באשאפען די גרויסע וואלפישען און יעדע לעבעדיגע בריה, וואָס באוועגט זיך, יעדער פיש נאָך זיין מין און אויך אַלע פויגלען נאָך זייער מין, און גאָט האָט געזעהן, אז עס איז גוט, האָט ער זיי געבענשט, זאָגענדיג: „פארמעהרט זיך, פארגרע־סערט זיך, פילט אָן די וואסערען, די ימים, און די פויגלען זאָלען זיך פארמעהרען אויף דער ערד".

איז דאָס אמת, אז ווען די ערד איז געווען באדעקט מיט גרינסען און די ביימער האָבען געטראָגען פרוכט, זיינען די וואַ־סערען געווען אָהן פיש מיליאָנען פון יאָהרען?

אויב משה האָט געמיינט 24 שעה מיט דעם וואָרט טאָג, דאַן וואָלט עס געמאכט א קליינעם אונטערשייד, אין וועלכען פון די זעקס טעג די חיות זיינען באשאפען געוואָרען. אָבער אויב דאָס וואָרט טאָג מיינט מיליאָנען פון יאָהרען, אין וועלכע לעבען האָט זיך אָנגעפאנגען פון א מאָנאד*) ביז א מענשען, דאַן איז די באהויפטונג לעכערליך און נאריש. דער וואָס וועט באהויפטען, אז די ערד איז געווען באדעקט מיט גראָז און ביימער, איידער די מאָנערא, די מוטער פון דער מענשליכער ראסע, האָט געפיהלט די באוועגונג פון לעבען, — דער וואָס קען דאָס באַ־הויפטען, איז גאָר ניט קיין וויסענשאפטליכער מאַן. קיין וויסענ־שאפטליכער מאן וועט ניט באהויפטען, דאָס א גרעזעלע האָט געוואקסען איידער די זון האָט אויסגעגאָסען איהר ליכט אויף דער וועלט.

ווארום זאָלען מענשען, אין דעם נאָמען פון רעליגיאָן, זיך מאַ־טערען גוטצומאכען די ווידערשפרוכען, די סתירות, וועלכע עק־

*) א געגענשטאנד, אזוי קליין, אז עס איז שוין אוממעגליך איהם ווייטער צו צוטיילען.

זיסטירען צווישען דער נאטור און א בוך? ווארום זאָלען פילאָ־זאָפען ווערען פארהאסט פאר זייער אייגענער איבערצייגונג, וועל־כע איז מעהר ווערט, ווי די פארטיגע, פאבריצירטע מיינונגען פון דער ביבעל? אויב עס איז דאָ א גאָט, איז מעגליך, אז ער האָט די וועלט באשאפען, אָבער עס קען דאָך ניט איבערצייגט ווערען, אז ער איז דער פארפאסער פון דער ביבעל. ווארום זאָלען מיר ניט האָבען א גרעסערען צוטרויען צו די וויסענשאפטליכע נאטור־ער־קלערונגען, ווי צו דער ביבעל? און ווען אפילו גאָט האָט באַ־שאַפען די וועלט, און דעם בוך אויך, באווייזט עס נאָך ניט, אז די געשיכטע פון דער וועלט־באשאפונג איז די בעסטע און די ריכ־טיגסטע. איך בין אין דער מיינונג, אז עס איז פאר אונז נויטי־גער צו וויסען דאָס זונען־סיסטעם, עטוואָס פון דער פיזישער אנטוויקלונג פון אונזער ערד־קוגעל, ווי צו וויסען וועגען דער גע־שיכטע פון י ו נ ה ' ן אינ'ם בויך פון דעם פיש. פון מיינט־וועגען וואָלט איך ליבערשט געוואָלט וויסען די פאָלגען פון אלע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען, איידער צו וויסען דאָס, וואָס משה האָט געוואוסט, זייענדיג באהערשט פון רוח־אלהים. און ווען אפילו די ערצעהלונג פון דער ביבעל זאָל זיין אמת, זעה איך ניט איין, פארוואָס פריידענקער זאָלען זיין זינדיגער, ווען זיי לייי־קענען איהר אָפּ, ווי די רבנים און די גייסטליכע, וועלכע לייקע־נען אָפּ די לעהרע פון ע ו ו אָ ל ו צ י אָ ן.

ש ב ת

אין דיזען טאָג, דעם לעצטען טאָג פון באשאפונג, האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד ארויסגעבען לעבעדיגע באשעפענישען, — בהמות און קריכענדע חיות, נאָך זייער מין", און עס איז אזוי געשעהן און גאָט האָט געזעהן, אז עס איז גוט.

און גאָט האָט געזאָגט: „לאָמיר מאכען א מענשען אין אונ־זער געשטאַלט, נאָך אונזער פאָרם". און גאָט האָט באשאפען א מענשען אין זיין געשטאַלט, אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער איהם באשאפען, א זכר און נקבה האָט ער זיי באשאפען.

אויב דיזע ערצעהלונג האָט איבערהויפּט אירגענד־וועלכע באַ־דייטונג, מיינט עס, אז גאָט האָט באשאפען א מענשען אין זיין פיזישע געשטאַלט און פאָרם. משה, ווען ער רעדט פון מענשען,

אז ער איז באשאפען געוואָרען אין דער פאָרם פון גאָט, רעדט ער קיינמאָל ניט אַנדערש פון גאָט, ווי נאָר אין א מענשליכער פאָרם; ער דערצעהלט אונז פון איהם, אז „ער האָט געשפּאצירט אין גאָרטען", אז „אדם און חוה האָבען געהערט זיין קול". אין טויזענדע פסוקים מאכט ער אונז באקאנט מיט א גאָט, וועלכער באוועגט זיך, אזוי ווי א מענש. דער גאָט פון משה איז געווען מיט הענד, מיט פיס, מיט א שטימע, א היציגער גאָט, מיט ראַכע, פיינדשאַפט, ליבע און תשובה: א גאָט, וועלכער האָט געמאכט טעות׳ן, איז אנדערע ווערטער, א גרויסער און קרעפטיגער מענש.

א מענש קען בשום אופן ניט דיינקען וועגען גאָט און איהם ניט באַטראַכטען אנדערש, ווי אין מענשליכער געשטאַלט. דער מענש קען איהם ניט באַטראַכטען אין דער פאָרם פון א פערד, א פויגעל, אָדער עטוואָס נידעריגער, ווי די מענשליכע פאָרם. די העכסטע און שעהנסטע פאָרם, וועלכע מיר קענען נאָר באגרייפען, איז די מענשליכע, און דארום איז אויך אוממעגליך צו דיינקען פון א גאָט אלס א גייסט אָהן א פאָרם. מיר קענען גע־ברויכען די ווערטער, אָבער זיי האָבען קיין מיינונג ניט. יעדער, וועלכער דיינקט פון א גאָט, דיינקט פון איהם אזוי ווי ער וואָלט געווען אין א מענשליכער פאָרם. נעהמט אוועק פון גאָט די פאָרם און רעדט פון איהם אלס א גייסט, וועלכען מיר קענען ניט שיל־דערען, וועט די פאָלגע זיין דער גלויבען, דאָס די גאנצע וועלט איז גאָט. מען זאָגט אונז, אז גאָט האָט געמאכט א מענשען. עס שטעלט זיך די פראגע: ווי אזוי איז ער עס באשאפען געוואָרען? דורך עוואָלוציאָן, אָדער דורך דעם, וואָס גאָט האָט אויסגעקנאָ־טען א שטיק ליים און האָט עס געמאכט אין א מענשליכע פאָרם? די מאָדערנע וויסענשאפט זאָגט אונז, אז דער מענש האָט זיך אנטוויקעלט אין איינצעלבארע עפּאָכען פון׳ם נידעריגסטען שטאנד; ער איז די פאָלגע פון אומענדליכע, אומבאגרענצטע בא־וועגונגען, רעאקציאָנען, ערפאַרונגען, באדערפעניסע און מנהגים. האָט דאָס משה אונז געוואָלט געבען צו פארשטעהן אָדער האָט ער געגלויבט, אז גאָט האָט גענומען א געניגענדע מאָס שטויב, האָט עס געבראכט אין א געוויסע פאָרם און האָט אין דעם אריינגעבלאָ־זען אן אָטהעם פון לעבען? קען אירגענד וועלכער גלויביגער געבען א פארשטענדיגען און קלאָרען אַנטוואָרט, ווי אזוי דאָס איז

געשעהן? קען װעלכער למדן עס זאָל ניט זיין, באשטעטיגען, אז דער מענש איז באשאפען געװאָרען דירעקט פון ערד? קען ער דען זאָגען, אז ער איז באשאפען געװאָרען, גראדע אויסגעארבייט, צו געהן, צו ריידען און צו מאכען אלע באװעגונגען; דאָס אלע זיינע ביינער זיינען געמאכט געװאָרען גראדע װי זיי זיינען יעצט, מיט אלע נערװען, מיט'ן מארך, מיט דיזעלבע באװעגונגען, פונקט אזוי װי זיי זיינען ביי דעם מענשען פון אונזער צייט?

װען מיר בליקען צוריק אויף דער געשיכטע פון טהירישען לעבען, פון די נידעריגסטע ביז די העכסטע פאָרם, געפינען מיר, דאָס א לאנגזאמער און שטענדיגער פראָגרעס האָט שטאטגעפונען. די מאָנערא, זאָגט אונז די װיסענשאַפט, איז די ערשטע פאָרם פון א לעבענס־װעזען, װעלכע מען האָט ביז איצט אויסגעפונען. עס איז א קערפער אָהן גלידער, א שטיקעל פארגליװערטע מאסע, װעלכע קען זיך אויסציהען, אויסשפרייטען, עס עסט אָהן א מויל, פאר־דייט אָהן א מאָגען, קריכט אָהן פיס און פארמעהרט זיך דורך איינפאכע צוטיילונג.

װען מיר נעהמען אָן די מאָנערא פאר דעם אָנפאנג פון טהירען־לעבען, אָדער פאר די ערשטע חיה, װאָס האָט זיך אנט־װיקעלט, איז עס גאנץ לייכט נאָכצופאָלגען די אנטװיקלונג פון אלע פאָרמען פון לעבען ביז צו דעם מענשען. אויף דעם ארט קומען מיר צום שלוס, װי אזוי יעדער מוסקול, בוי, פאָרם און באװעגונגען האָבען זיך אנטװיקעלט. נעהמט אװעק פון דעם מענשענ'ס פארשטאנד די אידעען פון עװאָלוציאָן, געװאױנהייט, די ירושה פון זיטען און טאטען און דעם קאמף פאר דאָס דאזיין, װעלכע זיינען װיסענשאַפטליך קלאָר באװיזען געװאָרען פון לאַ־מארק, געטהע, דארװין, העקעל און ספענסער, און די אלע פאקטען אין דער געשיכטע פון לעבעדיגע חיות פארלירען זייער װערטה.

זאָלען מיר אװעקװארפען אלעס, װאָס די װיסענשאַפט האָט אונז צוגעשטארט אין באצוג צו דעם אָרגאנישען לעבען און אויף דעם פלאץ אָננעמען די באהויפטונגען פון איינעם, װעלכער האָט געלעבט אין דעם װילדען מאָרגען פון א בארבארישער צייט?

קען װער עס איז יעצט באהויפטען, אז דער ערשטער מענש איז באשאפען געװאָרען אין דערזעלבער פאָרם, אזוי װי ער איז יעצט; אז ער האָט קיין ענליכקייט ניט אין קערפער צו די ני־

דעריגע טהירען? דאָס צו גלויבען מוז מען האָבען איבערצייגונגען. א מענש קען ניט גלויבען, ווי ער וויל. ער קען זאָגען, וואָס ער וויל; ער קען זאָגען, אז ער גלויבט אָדער ער גלויבט ניט, אָבער זיין ווילען קען ניט אונטערדריקען דעם געוויכט פון זיין פאַר־שטאַנד, פון דער ווארהייט. אויב א מענש זאָל קענען גלויבען ווי אזוי ער וויל, דאַן זיינען „איבערצייגונגען", „אונטערזוכונג" און „נאָכפאָרשונג" נאָר פוסטע ווערטער.

איך פרעג נאָך אמאָל, וואו זיינען אדם און חוה באשאפען געוואָרען? אין איין אָרט שטייט געשריבען, אז זיי זיינען באשא־פען געוואָרען א זכר און נקבה (זכר ונקבה ברא אותם). אין אַ אַנדער אָרט ווערט איבערגעגעבען, אז אדם איז באשאפען געוואָ־רען פריהער און חוה אין א צייט ארום און פון א טייל פון אדם'ס קערפער (ויקח אחת מצלעותיו וכו'). איך פרעג, אלזאָ, ווי אזוי איז דאָס געשעהן? האָט גאָט נאָר מיט זיין באשאפונגס־ווילען פאַראורזאכט, אז א ריפ זאָל זיך פאנאנדערשפרייטען, זאָל וואַק־סען; זאָל זיך פאַנאַנדערטיילען אין פלייש, ביינער, גלי־דער און אזוי ווייטער? ווי אזוי־זשע איז אדם באשאפען געוואָ־רען פון שטויב? איך קען ניט גלויבען אין אזעלכע באהויפטונ־גען. איך מעג געפייניגט ווערען אין אַן אַנדער וועלט, אָבער איך קען פאָרט ניט גלויבען, אז א גאָט ארבייט אויף אזא ארט. מיין ערפאהרונג איבערצייגט מיר, אז עס איז אימער דאָ אַן אורזאכע מיט א רעזולטאט. יעדע זאך אין א נויטווענדיגער טייל פון א לאַנגע, אומבאגרענצטע קייט, און איך קען ניט באגרייפען, ווי אזוי די קייט קען געבראָכען ווערען אויף איין מינוט. איידער די מ אָ נ ע ר א איז אַנטשטאַנען, האָט געמוזט זיין א געוויסע אורזאכע, פאר וועלכער עס איז ווידער געווען אַן אנדער אורזאכע, און אזוי אָהן אַן ענדע. אזוי ווייט ווי מיין שכל קען באגרייפען, איז ניטאָ ניט קיין אָ נ פ אָ נ ג און ניט קיין ע נ ד ע.

אויב די ערציילונג פון משה'ן איז ריכטיג, ווייסען מיר, ווי לאַנג דער מענש לעבט אויף דער וועלט. אויב מיר קענען זיך פאַרלאָזען אויף איהם, איז דער מענש שוין באשאפען געוואָרען מיט 5889 יאָהר צוריק. מיט 1656 שפּעטער, ווי דער מענש איז באשאפען געוואָרען, איז די וועלט דערטרונקען געוואָרען, מיט דער אויסנאהמע פון אכט מענשען. דער מבול איז געשעהן מיט

4233 יאָהר צוריק. אויב די באהויפּטונג איז ריכטיג, איז נאָר איין סאָרט מענשען געבליבען ביי לעבען — נח מיט זיין פאמיליע, וועלכע האָבען אָפּגעשטאַמט פון אדם, פון איין סאָרט בלוט. די פאָלגע דערפון איז, דאָס אלע פארשיידענהייטען, וואָס מיר זעהען אין די פארשידענע ראסען פון מענשען, זיינען געשעהן אין 4233 יאָהר.

אויב די ציפערען זיינען ריכטיג, זיינען אלע אַלטע קעניג־רייכען אַנטשטאַנען פון דאן אָן. אין דער קורצער צייט האָט די מענשהייט דורכגעמאכט אלע גראדען פון ווילדען, בארבארישען לעבען ביז דעם ציוויליזירטען צושטאַנד. זיי האָבען דורכגעמאכט די פעריאָדען פון שטיין, בראָנז און אייזען, האָבען אויפגעבויט שטעדט, טעמפּלען, האָבען ערפונדען די קונסט פון שרייבען, די וויסענשאפט און יעדע נויטווענדיגע זאך. מיר מוזען גלויבען, אז דאָס אלעס איז געשעהן אין א פעריאָדע פון פיער טויזענד יאָהר.

זונטאָג

„ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה וישבות ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות“.

און אין דעם זיבעטען טאָג האָט גאָט געענדיגט זיין אר־בייט, וועלכע ער האָט געמאכט און אין דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט. און גאָט האָט געבענשט דעם זיבעטען טאָג און האָט איהם געהייליגט, ווייל אין דעם טאָג האָט ער גערוהט פון אלע זיינע ארבייטען, וואָס ער האָט געמאכט.

די גרויסע שטיק ארבייט איז אלזאָ געווען צו ענדע. די וועלט, די זון, די לבנה און אלצדינג אין הימעל איז געווען פאר־

1) אינגערסאָל, דער פארפאסער פון דיזען בוך, הויבט אן צו רעכענען די טעג פון מאָנטאָג, אזוי ווי די קריסטען רעכענען. דער אידישער לעזער דארף נאָר אין זינען האָבען איין טאָג ווייניגער און דער רעכנונג וועט זיך אויסגלייכען.

טיג. די ערד איז געווען אָנגעקליידעט אין גרינס, די ימים פול מיט לעבען, די בהמות האָבען ארומגעשפּאצירט לעבען די טייכלאך, פליגען מיט געקאָלירטע פליגעלאך זיינען ארומגעפלויגען אין דער לופט; אדם און חוה האָבען געמאכט איינער דעם אנדערענס באַקאַנטשאַפט — און גאָט האָט זיך אָפּגערוהט פון זיין אַרבייט, טראכטענדיג פון אַלעם דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין דער פאָריגער וואָך.

ווייל ער האָט גערוהט דעם טאָג, האָט ער איהם פארהייליגט; און דאריבער, טאקי נאָר דאפיר אליין, האָבען די אידען דעם טאָג באַטראַכט פאר א רוה־טאָג. אויב גאָט האָט גערוהט נאָר דעם טאָג, דארפען מיר אמווייניגסטען האָבען א ראפּאָרט, וואָס ער האָט געטאָן דעם קומענדען מאָנטאָג. האָט ער דעם טאָג אויך גערוהט? וואָס־זשע האָט ער געטאָן, ווען ער האָט זיך שוין אויסגערוהט? האָט ער נאָך עפּעס באַשאַפען זינט דעם לעצטען ארבייטס־טאָג?

די וויסענשאַפטליכע קריסטען זאָגען, אז די טעג פון באַשאַפונג זיינען ניט געווען געוויינליכע טעג פון פיער און צוואַנציג שטונדען יעדער איינער, זאָנדערן לאַנגע צייט־פעריאָדען. אויב דאָס איז ריכטיג, פרעג איך, ווי לאַנג איז געווען דער זיבעטער טאָג? איז דער טאָג אויך געווען א געאָלאָגישע פעריאָדע פון טויזענדע פון יאָהרען? דאָס קען דאָך אָבער ניט זיין, ווייל אדם און חוה זיינען באַשאַפען געוואָרען דעם שבת אבענד פאר דעם זונטאָג, און לויט נאָך דער ביבעל, איז דאָס געשעהן מיט 5889 יאָהר צוריק. איך קען ניט פעסטשטעלען די צייט גענוי, ווייל עס זיינען געווען ביז הונדערט־און־פערציג פארשידענע מיינונגען פון געלעהרטע ביבלישע סטודענטען וועגען דער צייט פון דער וועלט־באַשאַפונג ביז קריסטוס. די ביבעל זאָגט אונז דייטליך, אז עס איז ניט מעהר ווי זעקס טויזענד יאָהר, זינט אדם איז באַשאַפען געוואָרען. פון דעם קומען מיר צום שלום, אז דער זונטאָג איז ניט געווען א געאָלאָגישע עפּאָכע, זאָנדערן א טאָג, און טאקי נאָר א געוויינליכער טאָג פון פיער־און־צוואַנציג שטונדען.

רעליגיעזע למדנים, וועלכע ווילען באַהויפּטען, אז די טעג זיינען געווען פעריאָדען פון פיער־און־צוואַנציג שטונדען, ווען זיי

די געאָלאָגיע צווינגען אוועקצוואווארפען די גאנצע גע־שיכטע פון דער ביבלישער וועלט־באשאפונג; און ווידער, אויב זיי גיבען צו, אז די טעג זיינען געווען לאנגע פעריאָדען פון טוי־זענדע יאָהרען, מוז די הייליגקייט פון דעם איין טאָג רוה פארוואָרפען ווערען.

ווי אזוי איז עס מעגליך הייליג צו מאכען א געוויסען טאָג? איז רוה הייליגער ווי ארבייט? און אויב עס איז יאָ דאָ, וואָס פאר אן אונטערשייד עס זאָל ניט זיין צווישען א טאָג און א טאָג, דארפען דען ניט די טעג, אין וועלכע מיר האָבען אויפגעטאָן ניצ־ליכע ארבייט, זיין באטראכט אלס די בעסטע און די הייליגסטע?

פון אלע מענשליכע אבערגלויבענס, איז די משוגעת וועגען דער הייליגקייט פון שבת גרעסער, ווי די אלע אַנדערע נארישקיי־טען. וואָס פאר א גלענצענדע אידעע דאָס איז, אז מיר זיינען פארפליכטעט אין דעם טאָג צו זיין אומעטיג און ערנסט צו גלוי־בען, אז מיר קענען גאָט צופרידענשטעלען, ווען מיר וועלען זיין אין דערהיים, מתפלל זיין, אַנשטאָט ארויסצוגעהן שפאצירען אין א שמעקענדיגען פעלד! ווארום זאָל פאר גאָט זיין דערווידער־ליך, צו זעהן די מענשהייט גליקליך? ווארום זאָל עס גאָט קריינ־קען, צו זעהן א פאמיליען־פאָטער, מיט זיין פרוי און קינדערלאך, שפאצירען געהן שבת אין וואלד, ביי א רוישענדען וואסערעל, ריי־דענדיג, לאכענדיג און ליבענדיג? די נאטור ארבייט אין דיזען הייליגען טאָג, די ערד דרעהט זיך, די וואסערען לויפען, די בוי־מער וואקסען, די קעפעלאך פון די בלומען שפאלטען זיך און בליהען אויף, די פויגלען פארהילכען די לופט מיט זייער געזאנג, פארוואָס זאָלען מיר אויסזעהן אומעטיג, טראכטען וועגען טויט און האָבען אין זינען דעם גהינום? ווארום זאָל דער טאָג זיין אָנגעפילט מיט טרויער, אַנשטאָט פרייד?

אַן אָרימער ארבייטער, וואָס שאפט די גאנצע וואָך אין שטויב און גערויש, דארף האָבען א טאָג פון רוה און פריידען; א טאָג צו געהן שפאצירען אין וואלד מיט זיין ווייב און קינדער; א טאָג צו זיין לוסטיג, צו שעפען נייע קרעפטען פאר דער קומענדיגער וואָך. זיין אויסגעהאָרעוועטע ווייב דארף איינאטהעמען פרישע לופט, ווייט אוועק פון די שמוציגע, ענגע גאסען, אויף א גרינעם

בערגעל, ביים ים, זיך שפּילען מיט איהר קינד און טרוימען פון גליק דעם גאנצען ליידיגען טאָג.

דער רוה־טאָג מיט זיינע צערעמאָניעס שטאַמט אָפּ פון די שונאים פון מענשליכען גליק, פון אומוויסענדע פאנאטיקער, פון עגאָאיסטישע פּריסטער און פון דער קליינמוטיגקייט פון די מאַסען. עס איז דארום די פליכט פון יעדען פריידענקער צו צוברעכען די שטילקייט פון דעם טאָג; ער זאָל באהויפּטען זיין זעלבסטשטענדיגקייט, ער זאָל טאָן, וואָס ער קען, אום ארויסצורייסען דעם טאָג פון די פינסטערע קירכען און אָפּגעבען עס צוריק צו פרייהייט און פריידען. פריידענקערס זאָלען פארברענגען דעם טאָג אין לוסטיגקייט און פארגעניגען, מיט זייער פרוי און קינדער, אין ליבע, רוה און האָפנונג.

פארוואָס זאָלען מיר אין דער איצטיגער פאָרטגעשריטענער צייט ווערען רעגירט פון דעם גלויבען פון די, וועלכע זיינען שוין לאַנג טויט? פארוואָס זאָלען די בארבארישע אידען פון אמאָל, וועלכע זיינען שוין געוואָרען צו אש און שטויב מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק, קאָנטראָלירען אונזער איצטיגען לעבען? פארוואָס זאָלען מיר זיך האלטען אָן דעם אבערגלויבען פון מענשען, וועלכע האָבען אָנגעפאנגען דעם שבת מיט באַשניידען זייערע פינגער־נעגעל, אָנפאנגענדיג פון פערטען, דאן דעם צווייטען, דעם פינפטען און דעם דריטען און דאן דעם גראָבען פינגער. ווי אָנגענעהם דאָס האָט געמוזט זיין פאר גאָט! — די אידען זיינען געווען זעהר פּינקטליך מיט'ן נעגעל־שניידען. די, וועלכע האָבען זיי אוועקגעוואָרפען, זיינען געווען זינדיג, ווייל דער שטן האָט די נעגעל באַנוצט צו שאַפען שלעכטעס אויף דער וועלט. זיי האָבען געגלויבט, דאָס שבת פלעגען די ברענענדיגע נשמות באפרייט ווערען פון דעם גהינום אום זיך טובל צו זיין אין קאַלטע וואַסער. פייער האָט מען ניט געטאָרט מאַכען, ניט אויסלעשען, עס איז געווען א זינד צו פארבאנדאזשירען א וואונד אום שבת. די היגקעדיגע האָבען געמעגט באַנוצען א שטעקען, אָבער די בלינדע ניט. דער שטראָף פאר מחלל־שבת זיין איז געווען דער טויט, און נאָר דאָס בלוט פון דעם זינדער, האָט געקענט שטילען דעם צאָרן פון גאָט.

צייט די איינפיהרונג פון דעם קריסטליכען גלויבען, איז דער

טאָג שבת אומגעביטען געוואָרען; קריסטען האלטען מעהר ניט פון דעם שבת, אין וועלכען גאָט האָט גערוהט און וועלכען ער האָט הייליג געמאכט. דער קריסטליכער שבת איז געוואָרען געזעצ־ליך איינגעפיהרט פון דעם מערדער קאָנסטאַנטין, ווייל אין דעם טאָג זונטאָג, האָט ער געגלויבט, איז קריסטוס פון טויט לעבע־דיג געוואָרען.

עס איז צייט, אז מיר זאָלען אוועקוואַרפען דעם אבערגלויבען פון א „הייליגען טאָג", לאָמיר מאכען יעדען טאָג הייליג מיט א ליבענדען טאַט. לאָמיר טעגליך שטרעבען צו פארגרעסערען דעם גליק פון דער מענשהייט, לאָמיר טעגליך העלפען די אומגליקליכע, אויפהויבען די געפאַלענע, פארטרייבען די פינסטערניש, פארטיי־דיגען די שוואכע און אָנפילען אונזערע היימען מיט ליכט און ליבע.

די נויטווענדיגקייט פון אַ גוטען זכרון

מען דארף ניט פארגעסען, אז עס זיינען דאָ צ ו ו י י באַ־ריכטען אין ח ו מ ש איבער דער וועלט־באַשאַפונג. די ערשטע ערצעהלונג ענדיגט זיך מיט דעם דריטען פסוק פון דעם צווייטען קאַפּיטעל. דיביידע באהויפּטונגען אונטערשיידען זיך און זיי־נען ניט איינשטימיג איינע מיט דער אנדערער. לאָמיר גענוי באַטראַכטען אין אָרדנונג, ווי אזוי זיי אונטערשיידען זיך.

די באשאפונג אין דער ערשטער ערצעהלונג:

1) דער הימעל, די ערד און ליכט זיינען באשאפען געוואָרען.
2) דער הימעל איז פארהארטעוועט געוואָרען און די וואסערען צו־טיילט געוואָרען
3) די וואסערען האבען זיך צוזאַ־מענגעקליבען אין ימים און עס האָט זיך באוויזען לאנד, גראָז, קרייטיכער און פרוכט־בוימער
4) די זון און די לבנה און אויך די שטערן

די באשאפונג אין דער צווייטער ערצעהלונג:

1) דער הימעל און ערד.
2) א טומאַן איז ארויס פון דער ערד און האָט פארפלייצט די גאנצע ערד.
3) ער האָט באשאַפען א מענשען פון שטויב און האָט איהם א נאָמען געגעבען א ד ם.
4) ער האָט געפלאַנצט א גאָר־טען אין עדן פון מזרח, און האָט דאָרט אריינגעזעצט דעם מענשען, וואס ער האָט באַ־

5) פיש, פויגלען און די גרויסע וואלפישען (תנינים)
6) חיות, בהמות, אלע קריכעדיגע באשעפענישען, א זכר און נקבה

שאפען.
5) ער האט באשאפען אלע חיות פון פעלד און עופות
6) ער האט באשאפען א ן א ש ה פון אדם'ס ריפ.

אין דער צווייטער ערצעהלונג איז דער מענש באשאפען געוואָרען פריהער פון בהמות און עופות. אויב די צווייטע ערצעהלונג איז ריכטיג, מוז די ערשטע זיין פאלש, און אויב די ערקלערונג פון די יעצטיגע רעליגיעזע חכמים איז ריכטיג, דאָס הייסט, אז דער ביבלישער טאָג איז געווען א פעריאָדע פון טויזענדער יאָהרען, דאן, ווען מיר גלויבען די צווייטע ערצעהלונג, האָט אדם געלעבט טויזענדער יאָהרען איידער חוה איז באשאפען געוואָרען. ער האָט געמוזט לעבען איין ביבלישען טאָג, איידער בוימער, גרינסען און אלע פירות זיינען באשאפען געוואָרען, און נאָך א ביבלישען טאָג, איידער חיות און עופות זיינען באשאפען געוואָרען. וויל איינער פון דיזע געלעהרטע מיר ערקלערען, מיט וואָס אדם האָט זיך ערנעהרט אָט די צוויי טעג: פעריאָדען פון טויזענדע יאָהרען?

אין דער צווייטער ערצעהלונג איז אדם אליין באשאפען געוואָרען, און עס איז גאָט ניט איינגעפאלען אין קאָפּ איהם צו געבען איין בן־זוג, ביז איניגע פעריאָדען זיינען אוועק. נאָכדעם, ווי עס ווייזט אויס, האָט גאָט זיך ערשט בארעכענט, אז „עס איז ניט גוט, דער מענש זאָל זיין אליין, איך וועל איהם מאכען א בן־זוג“.

אז גאָט האָט שוין פאר רעכט געפונען צו מאכען פאר אדם'ן א פרוי, וואָס האָט ער דאן געטאָן? האָט ער גלייך אָנגעפאנגען צו באשאפען? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. ער האָט פריהער באשאפען די חיות, און האָט געוואָלט אדם'ן איינרעדען, אז ער זאָל נעהמען איינע פון זיי פאר א פרוי. לעזט אויפמערקזאם די פאָלגענדע פסוקים, וועט איהר זיך איבערצייגען.

„ויקרא האדם שמות לכל הבהמה ולעוף השמים ולכל חיות השדה, ו ל א ד ם ל א מ צ א ע ז ר כ נ ג ד ו“.

ווי עס ווייזט אויס, איז ניט איינע פון דער גאנצער סטאדע חיות, וועלכע האָבען פארבייגעשפאצירט פאר אדם'ן, איהם געפעלען געוואָרען, די שעהנסטע אפע, די ליבליכסטע אָבעזיאנע, די

מיט שעהנהייט באצויבערענדע גארילא, האבען ניט באריהרט מיט ליבעם זיסען שמערץ אדם'ס עלענדע, איינזאמע הארץ. לאמיר זיך אמווייניגסטענס פרעהען, דאס עס האט ניט אנדערש פאסירט. ווען אדם וואלט זיך פארליבט אין איינע פון זיי, וואלטען איצט קיינע פריידענקער ניט געווען אויף דער וועלט.

ווען גאט האט איינגעזעהן, דאס ער קען ניט צופרידענשטע־לען אדם'ען מיט זיינע שדכנות, האט ער ארויפגעווארפען אויף איהם א שלאף, האט ארויסגענומען פון איהם א ריפ, האט געמאכט פון דעם ריפ א פרוי, דעם אויסגעשניטענעם ריפ האט ער פאר־היילט, און האט איהר געבראכט צו אדם'ן.

איז גאט געצוואונגען געווען צו נעהמען א טייל פון מענשען, ווייל ער האט אויסגענוצט זיינע אריגינעלע „גארניט". פון וואס ער האט די וועלט באשאפען? גראד איצט האלט איך פאר נויטיג צו זאגען און אויפמערקזאם מאכען די יעניגע, וועלכע מאכען שפאס, אדער לאכען פון דער היילינער ביבעל, דאס, ווען זיי וועלען שטארבען, וועט זיי יעדער לאך זיין א דארן אין קישען. עס מאכט ניט אוים וויפיל מענשען איהר האט רואינירט, וויפיל מענ־שען איהר האט פאראומגליקט, איהר מעגט אויך האבען פאר־פיהרט וויפיל מיידלאך עס זאל ניט זיין, — דאס אלעם קען אייך פארגעבען ווערען; אבער ווען איהר האט נאר געלאכט פון דעם, וואס שטעהט אין דער ביבעל, דערפאר איז שוין קיין שטראף ניט צו־קליין. אלעם מוזט איהר גלויבען! איהר מעגט זיין עהרליך, איהר מעגט האבען זאט געמאכט די הונגעריגע, זיך טיילען מיט דעם לעצטען, וואס איהר האט, מיט די נויטבאדערפטיגע, — דאס אלעם פיהרט אייך נאר צו דער אייביגער העלע, ווען איהר גלויבט ניט, אין דערזעלבער צייט, אז די ביבעל איז דורכגעדרונגען פון גאט'ס גייסט.

איך וויל אייך ווייזען וואס עס קען ארויסקומען פון ניט גלויבען אין דער ביבעל.

שטעלט אייך פאר אויף א וויילע, אז איהר שטעהט פאר דעם ריכטער־שטול פון גאט און איהר הערט, ווי די נשמות גיבען אפ דין וחשבון, ווען זיי קומען אויף יענער וועלט:

— פון וואנען ביסט דו? — איך בין פון דער ערד

— וואס פאר א סארט מענש ביזט דו געווען? איך ליב ניט

צו ריידען פון זיך זעלבסט: דו קענסט דאך עס וויסען פון דיינע ביכער.

— ניין, דו מוזט מיר זאגען, וואס דו ביזט געווען. — איך בין געווען גוט. איך האב געליבט מיין פרוי און קינדער; מיין היים איז געווען מיין הימעל, מיין אייוועץ — מיין גן־עדן. ווען איך פלעג דארט זיצען און באאבאכטען דאס ליכט און די שאטענס, ווי זיי פאלען אויף די געזיכטער פון מיין פרוי און קינדער, וועלכע איך האב געליבט, איז דאס געווען ביי מיר דאס גרעסטע גליק.

— ווי אזוי האסט דו באהאנדעלט דיין פאמיליע? — איך האב זיי קיינמאל ניט קיין שלעכטעס ווארט ניט געזאגט; איך האב קיינמאל אויף קיין איין מינוט ניט פארשאפט מיין פרוי און קינ־דער קיינע שמערצען.

—האסט דו באצאלט דיינע חובות? — איך בין ניט שולדיג געבליבען קיין פעני, ווען איך בין געשטארבען און האט פארזארגט מיין פרוי און קינדער.

— האסט דו באלאנגט צו וועלכע־עס־איז קירכע? — יא, מיין הערר.

— וואס איז געווען דיין באשעפטיגונג? — א קאסירער אין א באנק.

— ביזט דו ווען־עס־איז אנטלאפען מיט געלד?

— אין דער וועלט, פון וואנען איך קום, איז דא א געזעץ, אז מען קען ניט צווינגען איינעם זיך אליין צו באשולדיגען.

— דאס געזעץ איז דא גאנץ אנדערש. ענטפער די פראגע:

— ביזט דו ווען אנטלאפען מיט געלד? — יא, מיין הערר.

— נו, און ווייטער גארנישט? — יא, איך האב אפגערעדט מיין פריינד'ס ווייב, מיר פלעגען זינגען צוזאמען אין א קירכע.

— האסט דו געהאט א ווייב מיט קינדער? — יא, מיין הערר. אבער מיין צוטרויען צו גאט איז געווען אזוי שטארק, אז איך האב געגלויבט, ער וועט זיי שוין באשיצען.

— האסט דו פון זיי וואס געהערט? — ניין, מיין הערר.

— האסט דו געגלויבט אין דער געשיכטע פון אדם'ס ריפ? — געגלויבט זאלסט דו זיין, געווים האב איך געגלויבט, איך באדויער דאס אין דער ביבעל זיינען ניטא טויזענדער אזעלכע געשיכטעס, כדי איך זאל קענען ווייזען מיין שטארקען גלויבען און צוטרויען

צו דער ביבעל. — גלויבסט דו אין דער ריפ־געשיכטע איצט אויך?
— געוויס, מיט מיין גאנצען הארצען. — אין גן־עדן מיט איהם.
און ניט איהם א הארף צו שפילען, דען ער איז א כשר'ער צדיק.

דער גאָרטען

אין דער ערשטער ערצעהלונג פון דער וועלט־באשאפונג איז אויסדריקליך געזאָגט, אז גאָט האָט באשאפען א זכר און נקבה און האָט צו זיי געזאָגט: „זייט פרוכטבאר, פארמעהרט זיך, פילט אָן דאָס לאנד און באהערשט איהר". (פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה).

אין דער צווייטער ערצעהלונג, איז נאָר דער זכר אליין באַשאפען און אריינגעזעצט געוואָרען אין גן־עדן, און אָנגעזאָגט גע־וואָרען אכטונג צו געבען אין גאָרטען; ניט צו באצווינגען דאָס לאנד, נאָר צו באפוצען און אויפצופאסען אויפ'ן גאָרטען.

אין דער ערשטער ערצעהלונג, זיינען צו אדם'ן געגעבען גע־וואָרען אלע קרייטיכער, וועלכע טראָגען פרוכט, און אויך די פרוכט־בוימער פאר זיין געברויך; אין דער צווייטער ערצעהלונג זיינען איהם געגעבען געוואָרען אלע בוימער פון גן־עדן מיט דער אויס־נאהמע פון די צוויי בוימער: דעם ע ץ ה ד ע ת און ע ץ ה ח י י ם, און גאָט האָט איהם אָנגעזאָגט, ווי באלד ער וועט פון זיי עסען, וועט ער שטארבען.

און פון דעם גאָרטען איז ארויס א טייך, וועלכער האָט זיך צוטיילט אין פיער טייכען. דער ערשטער פון די טייכען איז געוועזן פ י ש ו ן, וועלכער האָט ארומגערינגעלט דאָס גאנצע לאנד „חלולה"; דער צווייטער, ג י ח ו ן, האָט ארומגערינגעלט דאָס גאנצע לאנד כ ו ש, דער דריטער, ח ד ק ל, האָט זיך געצויגען אין דער מזרח־זייט פון דאָס לאנד א ש ו ר און דער פערטער, פ ר ת.

וואו זיינען די פיער טייכען איצט? די גרויסע און באריהמ־טע וועלט־רייזענדע האָבען בארייזט אלע ימים, זיי האָבען אויסגע־זוכט און אנטדעקט לענדער אין יעדען וועלט־טייל, און דאך האָט קיינער ניט אויסגעפונען דעם פּלאץ, פון וואנען די פיער וואסערען גיסען זיך ארויס. דעם טייך „פ ר ת" האָט מען געפונען.

אבער וואו זיינען פ י ש ו ן, ג י ח ו ן און דער מעכטיגער טייך ח ד ק ל ? זיכערליך, ווען מיר געהען צו דעם קוואל, פון וואנען דער טייך פרת גיסט זיך ארויס, דארפען מיר, לכל הפחות, געפינען די אנדערע דריי טייכען, און, ווען ניט די טייכען, איז ווייניגסטענס זייער אמאליגען גרונד ? וויל אימיצער זיך אונטערנעהמען, אונז צו זאגען, וואו די וואסערען זיינען געוועזן און וואו זיי זיינען איצט? די וועלט־צייכנונגען זיינען ניט פאלקאם אהן די גרויסע טייכען. מיר האבען אויסגעפונען דעם פלאץ, פון וואנען דער טייך נ י ל ו ס גיסט זיך ארויס, אבער די דריי טייכען קענען מיר ניט אויסגעפינען. די פשט׳לדיגע קריסטען מאכען פארשידענע באהויפטונגען וועגען די טייכען; מאנכע זאגען, אז דאס איז נאר געמיינט אלס משל, אנדערע ווידער ריידען פון פארפלייצונגען, נח׳ס מבול, ערדציטערניש און אזוי ווייטער.

די פראגע איז: אויב אין די לעצטע זעקס טויזענד יאהר זיינען נאר געוועזן אזעלכע ערדציטערנישען, וועלכע זאלען האבען געמאכט פארשווינדען די דריי טייכען ? איהר מעגט זאגען, וואס איהר ווילט, דאס יעדער ביבלישער טאג איז געוועזן א פעריאדע פון טויזענדער יאהרען, איידער דער מענש איז באשאפען געווארען דאס וועט אייך אבער ניט העלפען. לויט נאך דער ביבעל איז עס מעהר ניט ווי טויזענד יאהר. משה גיט אונז די גענעראציאן פון אדם ביז זיין אייגענע צייט. און זיינע טעג קענען ניט גערופען ווערען פעריאדען.

אין דער צווייטער ערצעהלונג זאגט מען אונז, אז די פיער טייכען זיינען געמאכט געווארען שוין נאך דער באשאפונג פון א מענשען, שליסליך האבען זיי ניט געקענט פארניכטעט ווערען אין די לעצטע זעקס טויזענד יאהר דורך פארשידענע קאנוואולסיאנען אין דער נאטור.

די איינציגע ערקלערונג, וועלכע מען קען זיך מאכען וועגען די ווידערשפרוכען, דומהייטען און ליגען, וואס געפינען זיך אין דער תורה, איז, דאס די וויסענשאפט פון דעם שרייבער פון דער ביבעל איז געוועזן באגרענצט. ער איז געוועזן פארפיהרט פון טראדיציאן און זיין אייגענע איינבילדונג. איז די ערקלערונג ניט פיעל לאגישער, עהרליכער, ווי די הארטנעקיגקייט פון אונזערע פרומע

וויסענשאפטס־מענער, וועלכע וואלטען ליבערשט אומקערען די וויסענשאפט קאפויר, אבי נאר די דומהייטען צו פארטיידיגען?

קען מיר ווער־עס־איז געבען א פארשטענדיגען ענטפער פאר וואס גאט האט פארבאטען דעם מענשען צו עסען פון דעם בוים פון דער וויסענשאפט? וואס פאר א סארט בוים איז דאס געווען?

וואס איז אייגענטליך געווען דער זין פון דעם, וואס ער האט איהם פארבאטען? ווארום האט ער גראדע דעם בוים אריינגע־פלאנצט אין גארטען לעבען דעם מענשען? איז ניט געווען גענוג פלאץ אויסער דעם גארטען? ווען ער האט געוואלט דעם מענשען אפגעזונדערט פון דעם בוים, פארוואס האט ער זיי צוזאמענגע־בראכט? און פארוואס האט ער דעם מענשען גראדע דאן, ווען ער האט עס שוין געגעסען, אפגעזונדערט? דעם איינציגען ענט־פער אויף דער לעצטער פראגע געפינען מיר אין דער ביבעל, אז „גאט האט זיך דערשראקען", פיליכט וועט אדם נאך אויסשטרעקען זיין האנד און נעהמען פון עץ־החיים, דאן וועט ער דאך ווערען, פארשטעהט איהר מיך, א גאנצער יא טעביע דאס, ער וועט לעבען אייביג און זיין צוגלייך מיט מיר! אוים פורכט, אלזא, האט ער איהם נעגעבען די „סעק" און האט איהם אוועקגעשיקט אין קאט־טארגע אויף זיין גאנצען לעבען.

וויל יעמאנד פון די גאט־סטראפטשעס מיר ערקלערען, וואס דאס אלעס מיינט? איז דאס וואהר, אז גאט איז דאגעגען, אז דער מענש זאל זיין געבילדעט און פארשטעהן, וואס ארום איהם טוט זיך?

און איז עס אוים דעם גרונד, דאס אלע גאט'ס פריסטער און רבנים זיינען געגען בילדונג? איז אין גארטען טאקי געווען איין עץ־החיים, און ווען אדם וואלט פארזוכט פון זיינע פרוכט, וואלט ער געווען אומשטערבליך? איז אמת, אז נאכדעם, ווי גאט האט אדם און חוה'ן ארויסגעטריבען פון גן־עדן, האט ער אוועקגעשטעלט די הימלישע פאליסלייט, די „כרובים" מיט פייערדיגע שווערדען אין די הענד, וועלכע זאלען דעם צוטריט צום עץ־החיים באוואכען? זיינען נאך די כרובים מיט דעם עץ־החיים יעצט אויך דא? און היטען זיי עס נאך? אדער דער בוים איז פארפוילט געווארען און פון זיינע ווארצלען האבען ארויסגעשפראצט בלומען אזוי, ווי א גע־וויסער רעווערענד וויל דאס אונז איינרעדען?

וועלכע איינווענדונגען האָט, אייגענטליך, גאָט געקענט האָבען געגען דער אומשטערבליכקייט פון'ם מענשען? איהר זעהט, דאָס אנשטאט, וואָס די ביבעל האָט באַדאַרפט אונז פאַרזיכערען און ערקלערען איבער אונזער אומשטערבליכקייט, דערצעהלט זי אונז גאָר, ווי אזוי מיר האָבען דיזע אומשטערבליכקייט פאַרלאָרען. אין דעם איז דאָ גאַנץ וועניג טרייסט פאַר אונז.

לויט נאָך דער געשיכטע האָבען מיר פאַרלאָרען דעם גן־עדן, און אין קיין פּלאַץ אין דער ביבעל זאָגט מען אונז ניט, ווי אזוי מיר קענען ערדרייכען אַן אנדערען. איך ווייס, דאָס יעצטיגע גאָט'ס פאַרטרעטער דערצעהלען אונז פון אַן אנדער גן־עדן, וואו אַם ענדע וועלען אַלע גוטע און פרומע זיין און וועלען האָבען דאָס פאַרגעניגען צו זעהן, ווי די זינדיגע אפּיקורסים בראָטען זיך אין גהינום, אָבער וואו דער פּלאַץ איז, זאָגט מען אונז ניט.

איז עס אמת, דאָס דער מענש איז אמאָל געוועזען ריין און אומשולדיג ווי א קינד, און דאָס ער איז געוואָרען שלעכט און פאַרדאָרבען דורך זיין אומגעהאָרכזאַמקייט? ניין! די וואַרהייט איז, און די געשיכטע דער מענשהייט באַווייזט אונז עס קלאָר, דאָס דער מענש האָט פאָרטגעשריטען. געוויסע פּאַרקאַמניסע, אזוי ווי דער אומרוה פון א וואַנד־זייגער, האָבען זיך אומגעוויגט פאָרווערטס, און ריקווערטס, אָבער נאָך אַלעם דעם, איז דער מענש, ווי די ווייזערס אויפ'ן ציפערבלאַט, געגאַנגען פאָרווערטס. דער מענש פּראָגרעסירט, ניט ער ווערט מעהר פאַרדאָרבען. מענשען און נאַציאָנען שטאַרבען און מאַכען פּלאַץ פאַר פאָרטגעשריטענערע מענשען. דער וויסענשאַפטליכער האָריזאָנט פון דער וועלט פאַרשפּרייט זיך אַלץ ווייטער, ווי יאָהרהונדערטע געהען פאַרביי. אידעען ווערען אויסגעלייטערט און ריינער; דער אונטערשייד צווישען גערעכטיגקייט און מיטלייד ווערט קלענער, פרייהייט פאַרברייטעט זיך און ברידערליכקייט ווערט אַלץ מעהר א ווירקליכקייט; די צייטען פון צוואַנג און פורכט, פון בייזקייט און שלעכטס זיינען הינטער אונז, און דער ריכטיגער גן־עדן דאַרף ערשט קומען. עס איז געזאָגט געוואָרען אין דער ביבעל, דאָס צוליעב אונזער נייגעריגקייט צו וויסען, האָבען מיר פאַרלאָרען דעם גן־עדן פון דער פאַרגאַנגענהייט; צו דאָס איז אמת, צו ניט, וועט אונז אונזער שטרעבען צו וויסען געוויס ברייננען דעם גן־עדן פון דער צוקונפט.

דער ערשטער חטא

די ביבעל דערצעהלט אונז, אז דער שלאנג איז געווען קליגער פון אלע חיות פון פעלד, אז ער האט געהאט א געשפרעך מיט חוה'ן און האט איהר פארזיכערט, אז די פרוכט האט א גוטען געשמאק, און דאס זי וועט ווערען קליגער דערפון, אז דער שלאנג האט איהר איבערגערעדט, אז זי האט געגעסען די פרוכט און האט דעם מאן איהרען אויך איינגערעדט, אז ער זאל עס עסען. און גאט האט אויסגעפונען, אז זיי האבען געגעסען פון עץ־הדעת, און ער האט געשאלטען דעם שלאנג, ער זאל קריכען אויפ'ן בויך און זאל עסען ערד! צו חוה'ן האט ער געזאגט: „איך וועל פארמעהרען דיין צער"; און האט געשאלטען די ערד פון אדם'ס וועגען, אז מיט מאטערניש זאל ער עסען די שפייז פון דער ערד, אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען, און האט זיי פארשאלטען צום שטארבען. „פון שטויב ביזט דו און צו שטויב זאלסט דו זיך צוריקקערען". ער האט זיי געמאכט קליידער און האט זיי ארויסגעטריבען פון גן־עדן.

ווי עס ווייזט אויס, האט גאט זיך דערשראקען. „אוי!" — זאגט ער, — „דער מענש קען שוין אונטערשיידען פון גוטעס ביז שלעכטעס, וואס וועל איך טאן, ווען ער וועט אויסשטרעקען זיין האנד און וועט נאך נעהמען פון עץ־החיים און וועט לעבען אייביג, און וועט נאך זיין אזוי ווי איך". ווי עס ווייזט אויס, האט גאט מורא געהאט פאר א קאנקורענט. ער אליין האט געוואלט זיין באס און האט איהם ארויסגעטריבען פון גן־עדן.

די ערצעהלונג זאגט אונז דייטליך, אז די יונגע פאר זיינען געווען אומשולדיג, ווי ניי־געבוירענע קינדער; זיי האבען פאר'ן עסען פון עץ־הדעת גארנישט געוואוסט. זיי האבען ניט געוואוסט אפילו, אז זיי זיינען נאקעט. איך פרעג, וואס זיינען זיי געווען? האבען זיי קיינע געפיהלען געהאט? מיר ווייסען, אז אפילו א חיה, ווען איהר גיט איהר א גלעט, פיהלט זי, אז עס איז אנגענעהם, עס איז גוט. ווען איהר גיט איהר א בריק, ווייס זי, אז עס איז שלעכט. אדם און חוה האבען אפילו דאס ניט געוואוסט. זיי האבען ניט געקענט אונטערשיידען פון גוט און שלעכט ביז זיי האבען געגעסען פון דעם בוים. איך פרעג: ווי אזוי האט גאט פארלאנגט פון זיי, אז זיי זאלען געדיינקען א באפעהל, ווען זיי האבען, איבער־

הויפט, ניט געקענט גערייינקען? דער מענש, וואס קען ניט אונ־טערשיידען פון גוט ביז שלעכט, האט ניט קיין מארך און מען קען פון איהם ניט פארלאנגען, ער זאל גערייינקען.

מיר זיינען געוואוינט צו זאגען, אז גאט איז גערעכט און מן הסתם ווייסט ער, וואס ער טוט. לאמיר, אקארשט, אונטערזוכען זיין גערעכטיגקייט ביי דעם פלוד, וואס ער האט ארויפגעווארפען אויף דער מענשהייט צוליעב די זינד פון צוויי אומפארשטענדיגע מענשען, ווענען ער האט ניט געגעבען די מעגליכקייט צו גערייינ־קען און צו אונטערשיידען פון גוט ביז שלעכט.

דער גערעכטער מענשען־פארשטאנד זאגט אונז, אז ווען א דערוואקסענער, קלוגער מענש זאל אנריידען צוויי קליינע קינדער, וועלכע האבען נאך קיין ערפאהרונג ניט, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט, אז זיי זאלען טאן דאס, וואס איז זיי שטרענג פאר־באטען געווארען ניט צו טאן, וועט מען אזעלכע קינדער ניט בא־שטראפען, זיך צו מאטערען אויף לעבענס־לאנג. דער מענשלי־כער פארשטאנד וועט איבערוועגען אויפ'ן וואגשאל פון גערעכטיג־קייט די דיינקונגס־פעהיגקייטען פון די קינדער; דער גערעכטער פארשטאנד וועט ריינוואשען די קינדער פון שולד און וועט בא־שטראפען דעם אנהעצער פאר זיין פארברעכען. אבער דער אל רחום וחנון האט ניט נאר באשטראפט די קינדער, וועלכע ער האט באשאפען אהן פארשטאנד, זאנדערן אויך זייערע קינדער און קינדס־קינדער אויף דור־דורות.

מען זאגט אונז, אז אפילו א גרעזעלע וואקסט ניט אהן דעם ווילען פון גאט; דער מענש איז אין די הענד פון גאט, וועלכער קען טאן מיט איהם וואס ער וויל. איז דער שלאנג געווען א זעלבסטשטענדיגע באשעפעניש, וועלכע איז געווען אומאבהייננגיג פון גאט? אויב דער שלאנג האט אנגערעדט דעם מענשען צו זינדיגען, האט ער עס נאר געקענט טאן מיט דעם ווילען פון גאט. ווי־זשע קומט עס, וואס גאט האט ניט אפגעהיט זיינע קינדער פון צו טאן שלעכטעס? ער, וועלכער ווייסט פון אלצדינג, וואס עס איז געווען, וואס איז און וואס עס וועט זיין, האט דאך, מן הסתם, געוואוסט, אז דער שלאנג איז קלוג און וועט געוויס איבערריידען דער פרוי. ער האט געוואוסט, אז זיי וועלען ניט קענען ווידער־

שטעהן די כיטרע רייד פון שלאנג און דאך האט ער זיי ניט אויס־
געהיט און האט זיי נאך דערצו פארשאלטען.

און דאס הייסט אן אל רחום וחנון, א גאט פון ערבארמונג
און מיטלייד? מיר דוכט זיך, אז דער ערגסטער מענש וועט ניט
באהאנדלען זיין קינד אזוי, ווען עס זאל, חלילה, טאן עפעס געגען
זיין באפעהל. מיר, די היינטיגע מענשען, ווען מיר קענען שוין
מאכען אן אונטערשייד צווישען גוט און שלעכט, ווען מיר בא־
געהען א געוויסען פארברעכען געגען דער ג ע ז ע ל ש א פ ט.
ווערען מיר באשטראפט נאך דעם גראד פון דעם פארברעכען, וואס
פאר חטא האבען אדם און חוה באגאנגען, אז זיי און זייערע קינד'ס־
קינדער זאלען אזוי באשטראפט ווערען? באשטראפט יעצט א
פאטער זיין קינד דערפאר, וואס ער וויל וויסען און לערנען?
אדרבה, א פאטער טוט וואס ער קען, ער ארבייט שווער און בי־
טער, אום צו געבען זיינע קינדער לערנען, כדי זיי זאלען קענען
גאט" איז עס געווען גאנץ אנדערש. ער האט געשטראפט זיינע
קינדער פאר'ן ו ו ע ל ע ן וויסען, פונקט אזוי ווי אונזערע פא־
טערס שטראפען אונז יעצט פאר'ן ניט ו ו ע ל ע ן וויסען.

איך פרעג, ווער איז געווען דער שלאנג? ער האט ניט גע־
קענט זיין קיין מענש, ווייל נאר א י י ן מענש איז באשאפען
געווארען. ער איז אויך ניט געווען קיין פעלד־חיה, ווייל „ער איז
געווען קליגער פון אלע חיות פון פעלד". עס איז ניט געווען קיין
פיש, קיין פויגעל און אויך ניט קיין ש ל א נ ג; ער האט גע־
קענט ריידען און איז ניט געקראכען אויפ'ן בויך ביז וואנען ער
איז פארשאלטען געווארען. פון וואנען־זשע האט ער זיך גענו־
מען? פארוואס האט איהם גאט אריינגעלאזען אין גארטען? פאר־
וואס האט גאט ניט געווארענט אדם און חוה'ן פאר'ן שלאנג? זיי
זיינען דאך געווען פרעמדע אין דעם געגענד און האבען ניט גע־
קענט אויסגעפינען פונ'ם שלאנג'ס שכנים וועגען זיין כאראק־
טער. מעגליך, אז אדם האט איהם געזעהן, ווען גאט האט געלא־
זען פארבייגעהן פאר איהם אלע חיות, כדי ער זאל זיך אויסקלײ־
בען א ווייב. חוה אבער האט ניט געהאט דאס פארגעניגען איהם
צו קענען און דאך איז זי ניט איבערראשט געווארען צו הערען
דעם שלאנג ריידען; ער איז געווען דער ערשטער, וועמען זי האט
געטראפען. זי איז נאך געווען אומערפארען, גראדע א ל י י ן

אָהן דעם מאַן, און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זי האָט פאַרזוכט די פּירות אויף א פּראָבע. מען קען זיך אויך ניט וואונדערען, דאָס, ווען זי האָט פאַרזוכט דעם עפּעל און האָט אויסגעפונען, אז מ'ווערט פון דעם קלוג, האָט זי געהאַט די גוטהערציגקייט צו געבען איהר מאַן אויך פאַרזוכען א שטיקעל.

ווי אַזוי האָט דער שלאַנג אויסגעזעהן, ווען ער איז אריינגעקומען אין גאָרטען און ווי אזוי איז ער ארומגעגאַנגען פון איין אָרט אויף דעם אנדערען? איז ער געגאַנגען אָדער געפלויגען? ער איז ניט געקראָכען, ווייל צו דער ארט באוועגונג איז ער ערשט דערנאָך פאַרשאָלטען געוואָרען פון גאָט. מיט וואָס פאַר א שפּייז האָט ער זיך ערנעהרט פאַר דער געשיכטע פון דעם עפּעל? מיר ווייסען, אז ער איז פאַרשאָלטען געוואָרען צו עסען שטויב.

אינ'ם זעלבען קאַפּיטעל ווערט אויך ערצעהלט, אז „גאָט האָט געמאַכט קליידער פאַר אדם און חוה'ן פון פעל און האָט זיי באַקליידעט". פון וואַנען האָט ער גענומען די פעל? ער האָט עס אָהן צווייפעל ארונטערגעשונדען פון א חיה — ער איז געוועזן א בוטשער. ער האָט עס געדאַרפט פאַרפערטיגען — ער איז געוועזן א גאַרבער. ער האָט געמאַכט פון דער פעל קליידער — ער איז געוועזן א שניידער (וויפיעל שטונדען א טאָג האָט ער געאַרבייט?). וואָס איז געוועזן די אורזאַכע דערפון, וואָס זיי האָבען אינמיטען דערינען געדאַרפט אָנטאָן קליידער? עס איז זיי דאָך געוועזן גאַנץ באַקוועם צו געהן נאַקעטערהייט?! איז דען דער ערשטער חטא געווען אן אורזאַכע פון אן אומענדערונג אין וועטער?

איז עס ווירקליך נויטיג, אום צו זיין גליקליך דאָ און אויף יענער וועלט, אז מיר זאָלען גלויבען אין א גאָט, וועלכער איז א בוטשער, א גאַרבער און א שניידער? איך וויל אויפמערקזאַם מאַכען די לעזער, אז ווען איך רייד פון גאָט, רייד איך נאָר פונ'ם אידישען גאָט, וועלכער האָט געשטערט די מענשליכע האנד פון צו נעהמען די פרוכט פון עץ־החיים, כדי ער זאָל זיין דער איינציגער, וואָס לעבט אייביג; פון דעם גאָט, וועלכער האָט פאַרמעהרט די שמערצען פון דער פרוי און האָט איהר פאַר'משפּט צו זיין א שקלאַפין ביי איהר מאַן; פונ'ם גאָט, וועלכער האָט פאַרשאָלטען די ערד און האָט פאַר'משפּט דעם מענשען זיך צו מאַטערען און אין זיין צאָרן דערטרונקען די וועלט; פונ'ם גאָט, אין

וועמעס נאָמען עס האָט זיך געגאָסען מענשליכעס בלוט ווי וואַ־
סער, וועלכער האָט געמאָרדעט קינדער, פארגוואלטיגט מיידלאַך,
פארשקלאפט די מענשהייט און האָט אָנגעפילט די וועלט מיט
שלעכטקייט און מיט פארברעכען; פונ'ם גאָט, וועלכער האָט גע־
מאכט דעם הימעל פאר איינציגע און דעם גהינום
פאר פיעלע; פונ'ם גאָט, וועלכער וועט זיך פרעהען איבער
די קרעכצען און יאָמער־געשרייען פון די, וואָס זיינען פאר'משפט
צו אייביגע מאטערניש אין גהינום.

דער מבול

„און עס איז געקומען דערצו, ווען די מענשען האָבען זיך
אָנגעהויבען צו פארמעהרען אויף דער אויבערפלעכע פון דער ערד
און טעכטער זיינען געבוירען געוואָרען צו זיי.

„דאָס די בני־אלהים האָבען געזעהן די מענשען־טעכטער, דאָס
זיי זיינען שעהן, און זיי האָבען גענומען פאר זיך ווייבער פון אלע,
וועלכע זיי האָבען אויסגעקליבען.

„און גאָט האָט געזאָגט, מיין גייסט זאָל ניט זיין אייביג מיט
דעם מענשען, ווייל ער איז אויך פלייש, דאָך זיינע טעג זאָלען זיין
הונדערט און צוואנציג יאָהר.

„און גאָט האָט געזעהן, אז דער מענש איז זינדיג און פאר־
דאָרבען, דאָס די געדאנקען פון זיין הארצען זיינען אימער שלעכט.
וינחם יהוה כי עשה את האדם בארץ.
און עס האָט גאָט פארדראָסען, וואָס ער האָט באשאפען דעם מענ־
שען; און עס האָט איהם געערגערט ביז'ן ביין."

און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל פארניכטען די מענשען,
וועלכע איך האָב באשאפען אויף דער ערד, פון דעם מענשען ביז
די בהמות, קריכענדע באשעפענישען און עופות, דען עס פארדריסט
מיר, וואָס איך האָב זיי גאָר באשאפען".

פון דעם קען מען שליסען, דאָס דער ארויסטרייבען פון אדם
און חוה'ן פון גן־עדן האָט ניט געהאט דעם געווינשטען רעזולטאט
זיי און זייערע קינדער צו פארבעסערען. גראדע פארקעהרט. די
מענשהייט איז געוואָרען מעהר פארדאָרבען. אבוואָהל די מענ־
שען זיינען דאן געווען אונטער דעם דירעקטען קאָנטראָל פון גאָט

און אבוואָהל ער האָט זיי געגעבען צו וויסען זיין ווילען פון צייט צו צייט, דאָך איז די מענשליכע פארדאָרבענהייט געוואקסען.

קיין זאך איז ניט געטאָן געוואָרען די מענשהייט אויסצובע־סערען. קיינע שוהלען האָבען ניט עקזיסטירט, קיין געשריבענע שפראך, קיין ביבעל איז ניט געווען אין דער גאנצער וועלט, פון א באלויינונג און צוקונפטיגע וועלט האָט מען ניט געוואוסט; אין קורצען, עס איז גאָר ניט געטאָן געוואָרען די מענשען אויסצובע־סערען. גאָט האָט אפילו זיינע אייגענע זין ניט באהאלטען אין דער היים און אויב די אייביגע מאַטערנישען אין גהינום זיינען א ווארהייט, האָט ער זיי ארונטערגעלאָזען אויף דער ערד, זיי זאָ־לען האָבען ליבעס־אונטערהאנדלונגען מיט די טעכטער פון די מענ־שען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די וועלט איז אָנ־געפילט געוואָרען מיט ריזען, „גבורים" און פארדאָרבענהייט, אז עס האָט שוין גאָט פארדראָסען, וואָס ער האָט באשאַפען דעם מענ־שען.

געווים האָט גאָט געוואוסט, ווען ער האָט געמאכט די מענ־שען, אז עס וועט איהם שפעטער פארדריסען. ער האָט געוואוסט, אז די מענשען וועלען ווערען פארדאָרבען און זיי ווילען ווערען אלץ ערגער און ערגער ביז עס וועט ווערען נויטיג זיי צו פארניכ־טען. ער האָט געוואוסט, אז ער וועט דארפען פארניכטען אלעמען מיט דער אויסנאהמע פון נח'ן מיט זיין פאמיליע, און עס איז שווער צו פארשטעהן, פארוואָס האָט גאָט באלד, פון אָנפאנג, ניט באַ־שאַפען נח'ן מיט זיין פאמיליע און ניט געלאָזען אדם און חוה'ן אין זייער שטויב, פון וואנען זיי זיינען געמאכט געוואָרען. ער האָט געוואוסט, אז זיי ווילען ווערען אָנגערעדט פון שלאנג, אז ער וועט זיי דארפען ארויסטרייבען פון גן־עדן, כדי זיי זאָלען ניט עסען פון דעם עץ־החיים. ער האָט געוואוסט, אז די מענשען ווילען ניט רעפאָרמירט ווערען, דאָס זיינע אייגענע זין ווילען רואינירען די עהרע פון די מענשען־טעכטער, און דאָס, אם ענדע, וועט ער זיי מור־דען דערטרינקען (אויסער נח'ן מיט זיין פאמיליע). צו וואָס, — פרעגט זיך — האָט ער, אייגענטליך, זיי גאָר באשאַפען? צו וואָס האָט ער אָנגעפילט די וועלט מיט זיינע קינדער. וויסענדיג, דאָס אם ענדע וועט ער זיי מוזען פארניכטען? און פארוואָס זאָגט מיר דער גאָט, ווי איך זאָל אויפהאָדעווען מיינע קינדער, ווען ער

האט געמוזט דערטרינקען זיינע אייגענע קינדער איבער זייער שלעכ־טער אויפפיהרונג?

עס איז זעהר וואונדערבאר, דאס ווען גאט האט געוואלט פאר־ניכטען די אלטע וועלט, האט ער אפילו גאר ניט געפרובירט די מענשען צו רעפארמירען. ער האט זיי גאר ניט געסטראשעט מיט'ן גהינום, ער האט קיינע געבעט־מיטינגען ניט פאררופען, ער האט קיינע רעליגיעזע הענדבילס ניט פארטיילט, ער האט גאר ניט ער־אינערט פון דעם „הייליגען גייסט". אויב די ארטאדאקסישע גלויבענס פון דער וועלט זיינען ריכטיג, דאן זיינען די אלע מענשען אריין אין גהינום, ניט וויסענדיג אפילו, אז אזא פלאץ עקזיסטירט. וויניגסטענס וואלטען די אומגליקליכע באשעפענישען געדארפט געווארנט ווערען.

איז עס ניט וואונדערבאר, וואס גאט האט גארניט געזאגט צו אדם און חוה'ן פון א צוקונפטיגען לעבען, וואס ער האט עס געהאלטען בסוד און האט געלאזט מיליאנען מענשען לעבען אהן האפנונג אויף א גן־עדן און אהן מורא פאר א גהינום?

מעגליך, אז דער גהינום האט נאך דאמאלסט ניט עקזיסטירט; אין די זעקס טעג פון דער באשאפונג איז גארניט דערמאנט דער־פון. דער הייליגער היסטאריקער האט אונז אויך פארגעסען צו דערצעהלען, ווען די כרובים מיט די פלאמענדע שווערדען זיינען באשאפען געווארען. עס ווערט אויך גארניט געזאגט פון די צוויי פערזאנען, וועלכע שטעלען צוזאמען די „דריי־איינינקייט".

נאך משה'ס ערצעהלונג נאך, האט גאט באשטימט צו פאר־ניכטען אלע חיות און פליהענדע באשעפענישען. וואס האבען אייגענטליך, די חיות און פויגלען געטאן, אז זיי זאלען ארויפשלע־פען אויף זיך דעם צארן פון גאט? ווי קומט עס, וואס ער האט חרטה געהאט, וואס ער האט זיי באשאפען? וויל ווער עס איז מיר געבען אן ערקלערונג איבער דעם? קיין גוטער, פארנינפטי־גער מענש וועט ניט אנטאן קיין שמערצען צו א בהמה! און דאך פארלאנגט מען פון אונז, צו האבען רעספעקט פאר א גאט, וועלכען עס ארט ניט פאר די שמערצען פון די שטומע באשעפענישען, וועל־כע ער האט אליין באשאפען.

פארוואס האט ער באשאפען די חיות, ווען ער האט געוואוסט, אז ער וועט זיי אויך דארפען פארניכטען? האט גאט הנאה, ווען

ער טוט איינעם אַן יסורים? מיט וואָס האָבען די חיות פאַרדינט פאַרניכטעט צו ווערען? זיי האָבען דאָך ניט געגעסען די פאַר־באָטענע פרוכט; זיי האָבען ניט אָנגעטאָן פאַרטיכער פון בלע־טער, און דאָך האָט גאָט אין זיין בלינדען צאָרן פאַרניכטעט אלע פ ל י י ש, וואָס האָט נאָר געהאט אין זיך אַן אטהעם פון לע־בען, יעדע בריאה אונטערן הימעל און אלעס לעבעדיגע, וואָס ער האָט באַשאַפען.

ווען גאָט האָט באַשלאָסען צו דערטרינקען די וועלט, האָט ער געהייסען נח'ן מאַכען אַ קאַסטען פון פּימסען־האָלץ, דריי הונדערט איילען לאַנג, פופציג איילען ברייט און דרייסיג איילען הויך. אַן אייל, נאָך דער ענגלישער מאָס, איז צוויי־און־דרייסיג אינטשעס לאַנג, דאָס הייסט, נאָך דער ענגלישער מאָס נאָך איז דער קאַסטען געווען פינף הונדערט און פופציג פוס לאַנג, איין־און־פופציג פוס מיט אַכט אינטשעס ברייט און פינף־און־פופציג פוס הויך, דער קאַסטען איז געווען צוטיילט אין דריי עטאַזשען מיט אַ פענסטער אין דאַך. ווי עס ווייזט אויס, האָט גאָט ווייניג געזאָרגט, עס זאָל זיין פרישע לופט אין קאַסטען.

דער קאַסטען האָט אויך געהאט אַ טהיר, וועלכע האָט זיך פאַרמאַכט פון דרויסען. אזוי גיך ווי די „ש י ף" איז פאַרטיג און אָנגעפילט געוואָרען מיט שפּייז, האָט גאָט געגעבען נח'ן זיבען טעג, אריינצונעהמען אלע חיות אין קאַסטען.

אָנפאַנגס האָט נח געקראָגען אַ באַפעהל צו נעהמען פון יע־דע לעבעדיגע באַשעפעניש צו צוויי פון יעדען סאָרט, אַ זכר און נקבה. שפּעטער איז דער באַפעהל אומגעביטען געוואָרען און נח איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו נעהמען פון יעדע ריינע בהמה, צו זי־בען, אַ זכר ונקבה; און פון די, וועלכע זיינען ניט קיין ריינע נאָר צו צוויי, אַ זכר ונקבה; אויך פון די פויגלען אין דער לופט צו זיבען.

יעצט שטעלט זיך די פראַגע: וויפיל בהמות, פויגלען און קריי־כענדע באַשעפענישען האָט נח אריינגענומען צו זיך אין קאַסטען.

עס איז איצט באַוואוסט און קלאַסיפיצירט וועניגסטענס ביז 12500 פאַרשידענע סאָרטען פויגלען. פון דיזע פויגלען האָט נח גענומען פערצעהן פון יעדען סאָרט, און אלעס צוזאַמען האָט ער גענומען 157 טויזענד.

בהמות און ווילדע חיות זיינען דא ביז 1658 פארשידענע סאר־טען. לאמיר אננעהמען, אז פינף־און־צוואנציג פון די אלע מינים זיינען ריינע. ווען מיר נעהמען פערצעהן פון יעדען סארט, וועלען מיר האבען 350. פון די אומריינע צוויי פון יעדען סארט, וועלען מיר האבען 3266. עס זיינען דא ביז 650 פארשידענע קריי־כענדע חיות. פון די האט ער גענומען צו צוויי, וועלען מיר האבען 1300. פליגען און קריכענדע באשעפענישען זיינען דא ביז א מיליאן פארשידענע מינים. ווען נח זאל האבען גענומען צו צוויי פון יעדען סארט, האט ער מיטגענומען אין קאסטען צוויי מיליאן.

מיר ווייסען, אז עס זיינען דא אין אמעריקא פיעלע חיות, וועלכע זיינען ניטא אין דער א ל ט ע ר וועלט. אט די אלע חיות האבען געמוזט געבראכט ווערען צום קאסטען און צוריק אהער. די אלע חיות, וועלכע לעבען נאר אין אמעריקא, האבען געוויס געמוזט אריבערגעטראגען ווערען פון די מלאכים נאך אזיען. ווי אזוי זיינען זיי געקומען צו נח'ן? האט דער אייז־בער פארלא־זען זיין אייז־פעלד און האט אוועקגעמארשירט נאך אזיען? ווי אזוי האט ער געוואוסט, וואו דער קאסטען געפינט זיך? איז דער „קאנ־גארו" געשפרונגען אדער געשוואומען פון אויסטראליען נאך אזיען? האבען די זשיראפען, אפען און אנטילאפען געוואנדערט פון אפ־ריקא נאך אזיען צו געפינען דעם קאסטען? קען נארישקייט נאך געהן ווייטער, ווי דיזע אלע באהויפטונגען?

וואס האבען די חיות געגעסען אין דער צייט פון דער רייזע צום קאסטען, און וואס האבען זיי געגעסען אין קאסטען? וואס האבען זיי געטרונקען? ווען דער רעגען איז אראפ, האבען די טייכען געפלאסען אין די ימים און די ימים האבען זיך אויפגעהויבען און פארטרונקען די גאנצע וועלט. דאס וואסער פון מבול, זיך פאר־מישענדיג מיט די וואסערען פון די ימים, זיינען געווארען געזאל־צען.

עס איז אויסגערעכענט געווארען, אז צו דערטרינקען די וועלט וואלט נויטיג געווען אכט מאל אזוי פיעל וואסער, ווי עס געפינט זיך אין אלע ימים. ווילט איהר וויסען, ווי געזאלצען דאס וואסער איז געווען? נעהמט אכט קווארט געוויינליכע וואסער און פאר־מישט עס מיט א י י ן קווארט ים־וואסער און איהר וועט זעהן, אויב מיט אזעלכע וואסער קען מען לעשען דעם דורשט אדער ניט:

און נח האָט געהאט אריינצונעהמען פרישע וואסער פאר אלע חיות, בהמות און אלע לעבעדיגע באשעפענישען, וועלכע האָבען זיך גע־פונען אין קאסטען. ער האָט אויך געדאַרפט האָבען די נויטווענ־דיגע שפייזען פאר אלעמען. און נח איז געווען אין קאסטען 377 טעג. באדיינקט, וויפיעל שפייז ער האָט געדאַרפט האָבען אָנצו־קאָרמענען די אלע באשעפענישען פון דער אלטער וועלט.

און אכט מענשען האָבען אויפגעטאָן די גאנצע ארבייט. זיי האָבען געהאט אויפצופאסען אויף דער באפרידיגונג פון 175,000 פויגלאך, 3,616 טהירען, 1,300 קריכעדיגע חיות און צוויי מיליאָן פארשידענע סאָרטען פליגען.

וויפיל בוימער קענען לעבען אונטער אזויפיל מיילען וואַ־סער א גאנצען יאָהר? די ערד איז געוואָרען צואווייקט און פאר־שפרייט מיט די צובראָכענע האָלץ פון א גאנצער וועלט. ווי אזוי האָבען געקענט בלייבען עקזיסטירען די שוואכע גרינסען? און מיט וואָס האָבען זיך די חיות ערנעהרט, ווען זיי האָבען פארלאָזען דעם קאסטען? עס איז ניט געווען קיין גראָז אויסער די, וועלכע זיי־נען געווען אונטערן וואסער א גאנץ יאָהר. עס זיינען ניט געווען קיין חיות אויפצופרעסען פאר די, וועלכע זיינען ארויס פון קאס־טען, און וועלכע ערנעהרען זיך נאָר מיט דעם אויפפרעסען פון אנ־דערע חיות. מיט וואָס האָבען זיך ערנעהרט די פויגלען, וועלכע לעבען פון ווערים און פליגען, און מיט וואָס האָבען זיך ערנעהרט די פויגלען, וועלכע ערנעהרען זיך מיט אנדערע פויגלאך?

מען מוז געדיינקען, אז די געוויכט פונ׳ם וואסער, ווען עס איז געשטיגען צום העכסטען גראד ביז 29000 פוס, איז געווען ביז אכט הונדערט טאָן אויף יעדער קוואדראט־פוס. אזא געוויכט האָט געמוזט, נאטירליך, צערשטערען יעדעס פיצעל פון גרינס, און ווען די חיות זיינען ארויסגעקומען פון קאסטען, איז ניט געווען א ברע־קעל פון עסענוואַרג, מיט וואָס האָבען זיי זיך אלע ערנעהרט ביז די וועלט איז ווידער באדעקט געוואָרען מיט גרינסען?

כמעט יעדע חיה קען אויפעסען און אויסטרינקען אין איין יאָהר צעהן מאָל אזוי פיעל, ווי זי וועגט אליין. נח האָט געהאט צו באזאָרגען שפייז פאר זיי אויף א גאנץ יאָהר און, אם וויינינגס־טענס, אויף זעקס מאָנאטען נאָך דעם, ווי זיי זיינען שוין געווען ארויס פון קאסטען. עס איז נויטיג געווען פאר א פאָר עלעפאנ־

טען, אם וויניגסטענס, 150 טאָן שפּייז און וואסער, א פּאָר מאמאָ־טען וואָלטען געדארפט האָבען צוויי מאָל אזוי פיעל. געוויס האָבען זיך אויך געפונען אין דער תיבה אזעלכע חיות, וועלכע לעבען אויף בוימער און זיי צו קאָרמענען וואָלט נח געדארפט האָבען אם וויניגסטענס א וואלד מיט בוימער.

ווי אזוי איז עס מעגליך געווען פאר אכט מענשען פאנאנדער־צוטיילען די שפּייז צו אַלע חיות אפילו, ווען דער קאסטען וואָלט געווען גרויסע גענוג די שפּייז צו אנטהאַלטען? ווי אזוי האָבען זיי ווארעם געהאלטען די קאמערען פאר די חיות, וועלכע לעבען אין ווארעמע געגענדען און מוזען זיין אין דער ווארעם? און ווי אזוי האָבען זיי געהאלטען קאלט דעם חדר פאר דעם אייז־בער? ווי אזוי זיינען די חיות געקומען צוריק צו זייערע פּלעצער, וואו זיי לעבען? אנדערע האָבען געדארפט קריכען ביז זעקס טויזענד מייל און זיי קענען נאָר קריכען עטליכע פוס אין א טאָג — פארשידענע קריכענדיגע חיות האָבען געמוזט אָנהויבען צו קריכען באלד, ווי גאָט האָט זיי באשאפען און קריכען זעכצעהן הונדערט יאָהר ביז זיי זיינען געקומען צו דעם קאסטען. דער אייז־בער האָט געדארפט געהן איינינגע טויזענד מייל ביז ער איז געקומען צום קאסטען, און די בייטונג פון די קאלטע אויף ווארעמע לופט האָט איהם געוויס געמוזט שאדען. ווי אזוי האָבען די בערען געוואוסט די וועג צו געהן? געוויס, מעהר ווי צוויי בערען זיינען ניט געגאנגען. ווער האָט אויסגעקליבען די צוויי בערען פון די איבעריגע? גאנצע ביכער האָט מען געקענט פארשרייבען איבער דער לעכערליכער און נארישער געשיכטע פון'ם מבול, וועלכע איז באַשריבען אין דער ביבעל, און עס וואונדערט מיר זעהר, ווי אזוי אַן אינטעליגענטער מענש קען עס גלויבען.

ווען מיר לייענען ווייטער, געפינען מיר, אז דעם זיבעטען מאָנאט פון מבול האָט זיך דער קאסטען אָפּגעשטעלט אויף די בערג א ר ר ט און איז דאָרט געשטאַנען ביז דעם 10טען מאָנאט, איידער די שפּיצען פון די בערג האָבען זיך ארויסגעזעהן. נח האָט אָפּגעווארט נאָך פערציג טעג און דאן, צום ערשטען מאָל, האָט ער געעפענט דאָס פענסטערל, צו געניסען אביסעל פרישע לופט. ער האָט ארויסגעשיקט דעם ר אָ ב און ער איז ניט צוריקגעקו־מען און שפּעטער א טויב, וועלכע איז יא צוריקגעקומען. אין זי־

בען טעג ארום האָט נח ווידער ארויסגעשיקט א טויב און זי איז מעהר ניט צוריקגעקומען. פון דעם האָט נח ערפאהרען, אז דאָס וואסער איז אָפּגעפאלען. איז עס מעגליך, אז נח האָט אנדערש ניט געקענט וויסען, אז דאָס וואסער איז אָפּגעפאלען, ווי נאָר דורך דאָס ניט צוריקקומען פון דער טויב?

שפּעטער האָט נח אראָפּגענומען דעם דעק פון קאסטען און האָט געזעהן, אז די ערד איז טרוקען. און גאָט האָט איהם געהייסען ארויסגעהן פון קאסטען. אלס א דאנק צו גאָט, האָט נח אויסגעבויט א מזבח און האָט מקריב געווען צו איהם געברענטע קרבנות.

און גאָט האָט געשמעקט דעם זיסען ריח און האָט צו זיך אליין גזעאָגט: „איך וועל מעהר ניט שעלטען די ערד פון דעם מענשענס וועגען".

גאָט האָט אומגעבראכט די מענשען דערפאר, וואָס אלע איינבילדונגען פון זיינע געדאנקען און הארצען זיינען שלעכט און אויף דעמזעלבען גרונד האָט ער צוגעזאָגט נח'ן, אז ער וועט מעהר ניט אומברייינגען דעם מענשען. קען מיר ווער עס איז געבען אן ערקלערונג איבער דיזען שכל? נאכהער, ווי גאָט האָט געשמעקט דעם געשמאקען ריח פון די קרבנות, האָט ער אומגעביטען זיין באַפעהל וועגען דער מענשליכער שפּייז. ווען אדם און חוה זיינען באַשאפען געוואָרען, האָט ער זיי ערלויבט צו עסען נאָר אזעלכע גרינסען, וואָס טראָגען זאמ און די פרוכט פון די בוימער; אָבער נאָך דעם, ווי גאָט האָט שוין געשמעקט די קרבנות, האָט ער געזאָגט צו נח'ן: „כל רמש אשר הוא חי לכם יהי לאכלה". דאָס הייסט, יעדער ווידמונג, וואָס עס לעבט, זאָל צו אייך זיין צו עסען. שפּעטער האָט גאָט ווידער געביטען זיין באפעהל און האָט אָפּגעטיילט די ריינע פיה און פויגלען פון די אומריינע און האָט שטריינג פארבאָטען דעם מענשען פון די אומריינע צו עסען. ווי עס ווייזט אויס, איז געווען א גרויסער יקרות אין דער צייט, ווען נח איז ארוים פון קאסטען.

און נאכהער האָט גאָט געמאכט א קאָנטראקט מיט נח'ן, אז ער וועט שוין מעהר ניט צושטערען די וועלט. און, אום ער זאָל זיך ניט פארגעסען אין זיין צוזאָגען, האָט ער געמאכט דעם רעגענבויגען אין וואָלקען. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך גאָט נאָך געקענט פארגעסען. איז עס אמת, דאָס די אנטשטעהונג פון רע-

נענבויגען איז געווען אויף דער ערד? האט עס גאט נאר ארייג־
געזעצט אין וואלקען זיך צו דערמאנען אין זיין בונד?

פאר מיר פערזענליך איז עס אוממעגליך צו גלויבען אין דער
געשיכטע פונ'ם מבול, עס איז אזוי שלעכט, אזוי בארבאריש און
אזוי לעכערליך ערצעהלט, דאס א ליגען אליין קען רויט ווערען
פאר שאנדע.

פיעלע נאציאנען האבען זייערע געשיכטען וועגען א מבול,
אין וועלכע עס ווערט באהויפטעט, דאס די וועלט און אלע מענ־
שען אין איהר זיינען דערטרונקען געווארען — מיט דער אויס־
נאהמע פון איינע אדער צוויי פאמילען. בבל איז געווים געווען א
גרויסע שטאדט נאך איידער ירושלים איז געבויט געווארען, און
מצרים איז געווען אין דער שפיץ פון איהר מאכט, ווען עס זיינען
נאר געווען זיבעציג אידען אין דער גאנצער וועלט. אינדיען האט
געהאט א ליטעראטור נאך איידער דער נאמען יהוה האט בא־
ריהרט די מענשליכע ליפען. א געשיכטע פון א מבול איז געפונ־
נען געווארען פון געארג סמיט איבערזעצט פון אן אנדער דאקו־
מענט, וועלכער איז געשריבען געווארען מיט צוויי טויזענד יאהר
פאר קריסטוס'ן. עס איז אוממעגליך צו זאגען ווי לאנג די גע־
שיכטע האט זיך געהאדעוועט אין דעם אנדענקען פון טראדי־
ציאנען, איידער די באבילאנער האבען עס פארצייכענט אין שריי־
בען. לויט נאך דיזער ערצעהלונג, וועלכע איז אהן צווייפעל פיעל
עלטער ווי משה'ס, האט א געוויסער מענש מיט'ן נאמען „טאמ־
זי", געבויט א שיף נאך דעם געבאט פון זיין גאט היא, און האט
דארין אריינגעבראכט זיין פאמיליע און די בהמות און חיות פון
פעלד. ער האט אויסגעפעכט די שיף פון אינוויינינג און דרויסען
און ווען ער האט אלץ געענדיגט, איז ארונטערגעקומען א רעגען
און האט פארניכטעט אלץ אויף דער וועלט; דעם זיבעטען טאג
האט עס אויפגעהערט, און זיין שיף איז געבליבען שטעהן אויף
דעם בארג „ניזיר". טאמזי האט געווארט נאך זיבען טעג און האט
דאן ארויסגעלאזט א טויב, נאכהער א שוואלב אוןביידע זיינען
צוריקגעקומען. נאכהער האט ער ארויסגעלאזען א ראב און ווען
דער ראב איז ניט געקומען צוריק, איז פאר איהם געווען א סימן,
אז די ערד איז טרוקען, און היא האט אונטערהאנדעלט מיט דעם

גאָט בעל, דאָס קיין מבול זאָל שוין מעהר ניט פאָרקומען אויף דער וועלט.

דאָס איז די ריכטיגע געשיכטע, ווי עס איז איבערזעצט פון די אָריגינעלע באַבילאָנישע, און דאָרטען זיינען אויך דאָ צוויי געשיכטען, אַזוי ווי אין דער ביבעל, וועלכע ווידערשפּרעכען זיך. איז עס ניט מערקווירדיג, דאָס אין די באַבילאָנישע אַזוי ווי אין דער ביבעל זאָלען זיין צו צוויי געשיכטען וועגען מבול, וועלכע ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע?

אין דער ביבעל זיינען דאָ צוויי ערצעהלונגען, וועלכע ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע. אין איין ערצעהלונג איז נח געבאָטען צו נעהמען צו צוויי פון אַלע בהמות, חיות, פויגלען און קריכענדיגע באַשעפעניש — און אין דער אַנדערער — צו זיבען. לויט נאָך איין ערצעהלונג האָט דער מבול נאָר אָנגעהאַלטען 150 טעג, (בראשית ז׳, ח׳; נח, פסוק ג׳), אין אין דער אַנדערער ערצעהלונג האָט דער מבול אָנגעהאַלטען 377 טעג.ביידע פון די ערצעהלונגען קענען ניט זיין ריכטיג, אָבער אום אריינצוקומען אין גן־עדן איז ניט גענוג צו גלויבען איינע, ניין, מען מוז ביידע גלויבען.

ביי די מצריים איז אויך דאָ אַ געשיכטע פון די מענשען פאַרניכטונג. זייער געשיכטע דערצעהלט אונז, דאָס דער גרויסער גאָט „רא“ איז אַמאָל געוואָרען שרעקליך בייז אויף די מענשען, און האָט באַשלאָסען אַלעמען אויסצוראָטען פון דער וועלט. ער האָט אָנגעפאַנגען זיין שרעקליכע ארבייט און עס האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, ביז בלוט האָט געפלייצט אין די גאַסען. מיט איין מאָל האָט ער אויפגעהערט און האָט געשוואָרען, אַז ער וועט שוין מעהר ניט פאַרניכטען די מענשען. די געשיכטע האָט שוין געמוזט זיין טויזענדע יאָהרען אַלט, ווען משה איז געבוירען געוואָרען.

אין אינדיען איז אויך דאָ אַ געשיכטע וועגען אַ מבול. דאָרטען האָט אַ פיש אָנגעזאָגט איינעם „מאַנו“, דאָס אַ מבול וועט קומען. מאַנו האָט אויך זיך געמאַכט אַ קאַסטען און דער פיש האָט איהם ארויפגעשלעפּט אויף אַ באַרג און האָט איהם געראַטעוועט.

אַזעלכע געשיכטען פלעגט מען דערצעהלען אין גריכענלאַנד און ביי די אַמעריקאַנישע אינדיאַנער. אַמאָל האָט מען געוואָלט באַ־

שטעטיגען די ווארהייט פון נח'ס מבול, ווייל אנדערע נאציאנען האבען אויך געשיכטען וועגען מבול'ס, אבער יעצט איז עס באוויזען געווארען, דאס די געשיכטען פון די אנדערע נאציאנען זיינען עלטער, ווי משה'ס ערצעהלונג, און זיינען אויך אזוי וויכטיג און ריכטיג.

נח שכור און דור הפלגה

ווען נח האט פארלאזען דעם קאסטען און האט באדאנקט גאט, איז ער געווארען א גערטנער, האט פארפלאנצט א וויינגארטען, האט זיך אנגע'שיכור'ט, האט געשאלטען חם'ן און האט געבענשט שם און יפת'ן, און נאכדעם האט ער געלעבט 350 יאהר. וואס ער האט, אייגענטליך, געטאן אין די 350 יאהר, זאגט אונז דער חומש ניט. מיר הערען מעהר ניט פון איהם. 350 יאהר האט ער געלעבט מיט זיינע זין, טעכטער און זיין פאמיליע, ער איז געווען דער מאן, צו וועלכען גאט האט געמאכט וויסען זיין ווילען. אז ער וועט דערטרינקען די וועלט, צוליב נח'ן איז די מענשליכע ראסע געבליבען לעבען. ער האט געמוזט זיין באפריינדעט מיט מתושלח'ן פאר הונדערט יאהר און מתושלח איז געווען אמוויינציגסטען 240 יאהר, ווען אדם איז געשטארבען. נח האט געמוזט וויסען די געשיכטע פון דער מענשהייט און האט געמוזט זיין א זעהר אינטערעסאנטער מענש, און דאך פאר 350 יאהר האבען מיר קיין זאך ניט עראינערט אין חומש וועגען נח'ן. ווען ער איז געשטארבען, האט אברהם געמוזט שוין אלט זיין איבער פופציג יאהר און שם, נח'ס זון האט געלעבט מיט איינינע הונדערט יאהר נאך אברהם'ס טויט, און דאך איז ער קיין מאל ניט דערמאנט. נח ווען ער איז געשטארבען, איז געווען דער עלטסטער מאן אין דער וועלט, און יעדערער, וואס האט געלעבט אין דער צייט פון זיין טויט, האט געוואוסט, אז ער האט צו דאנקען נח'ן פאר זיין לעבען און דאך איז א ווארט ניט דערמאנט פון זיין באערדיגונג. קיין מצבה איז ניט געשטעלט געווארען צו באצייכענען דעם ארט, וואו ער איז באגראבען. דאס איז אפילו ניט מעהר וואונדערבאר, ווי דער פאקט פון אדם און חוה'ס טויט. וואו זיי זיינען באגראבען האבען מיר אויך ניט קיין באריכט. מען קען דאס ערקלערען דערמיט, דאס, ווען די שפראכען זיינען צומישט געווארען, האבען זיי

פארלאָרען אַלע טראַדיציאָנען, דאָס זאָגאר נח'ס זיהן האָבען ניט געקענט געבען אַן ערצעהלונג פון זייער רייזע אין קאסטען, און דארום האָט גאָט געמוזט משה'ן דורכנעהמען מיט זיין הייליג־קייט צו דערצעהלען די געשיכטע נאכהער, ווען אַ נייע שפראך איז ענטשטאַנען.

איך קען ניט באגרייפען, ווי אזוי אדם, חוה און דער שלאַנג האָבען גערעדט איין שפראך, פון וואנען האָבען זיי די שפראך באַ־קומען? מיר ווייסען איצט, אז עס גדויערט יאָהרען לאַנג איידער אַ שפראך ווערט געבילדעט. מיר ווייסען, דאָס מיט דער הילף פון דער שפראך גיט איין מענש איבער דעם אַנדערען דעם איינ־דרוק, וואָס מאַכט אויף איהם דאָס, וואָס ער זעהט, הערט, שמעקט און פיהלט. מיר ווייסען, דאָס די שפראך פון אַ ווילדען באשטעהט פון אייניגע אויסרופען, מיט וועלכע ער קען אויסדריקען זיינע גע־פיהלען פון ליבע, פאַרלאַנג, פורכט, האַס און אזוי ווייטער. עס איז נויטיג יאָהרהונדערטע, איידער אַ שפראך ווערט פארטיג, מיט וועלכער אַ מענש זאָל קענען אויסדריקען זיינע אידעען אינגאַנ־צען. מיר קומט עס פאַר אוממעגליך, אז אַ גאָט זאָל פאבריצי־רען אידעען און ער זאָל זיי אריינזעצען אין דעם מארך פון מענשען. אידעען זיינען דער רעזולטאַט פון באַטראַכטונגען און ערפאַהרונגען.

ווי אזוי האָבען אדם און חוה באַקומען אַ שפראך? האָט זיי דאָס גאָט געגעבען? אין וואָס פאַר אַ שפראך האָבען זיי גע־רעדט, אז זיי זאָלען זיך קענען גוט פארשטעהן, און חוה זאָל קע־נען דיסקוטירען מיט דעם שלאַנג? האָט גאָט דעם שלאַנג אויך געלערענט דיזעלבע שפראך, ווי אדם און חוה'ן? דער חומש זאָגט אונז, דאָס גאָט האָט געמאַכט פארבייגעהן אַלע חיות השדה, בהמות און פויגלען פאַר אדם'ן, ער זאָל זעהן, וואָס פאַר אַ נאָמען אדם וועט זיי געבען. דאָס צייגט אונז, אז גאָט האָט אדם'ן ניט געזאָגט, וועלכע נעמען ער זאָל זיי געבען. אדם האָט אליין געגעב־בען נעמען. פון וואנען האָט אדם גענומען ווערטער? מיר קע־נען זיך ניט פאָרשטעלען, אַ מענש, וועלכער איז מיט אַ קליין ווייַ־לע צוריק באשאפען געוואָרען פון שטויב, וועלכער האָט ניט גע־האָט איין מינוט ערפאַהרונג, זאָל קענען אויסדריקען זיינע געדאַנ־קען אין ווערטער. מען קען זיך ניט פאָרשטעלען, דאָס ער האָט געוואוסט עטוואָס פון פינסטערניש, ווען ער איז באשאפען געוואָ־

רען בייטאָג, אָדער פון ליכטיגקייט, ווען ער איז באשאפען געוואָ־
רען ביינאכט. איידער א מענש קען האָבען געדאנקען, מוז ער
עטוואָס ערפאהרונג האָבען, עטוואָס מוז איהם אינטערעסירען,
איידער ער קען טראכטען און אויסדריקען זיין מיינונג אין ווער־
טער.

דער אונטערשייד אין שפראכען אין דער רעזולטאט פון דעם,
דאָס מענשען האָבען געהאט פארשידענע ערפאהרונגען, פארשידע־
נע געברויכע און פארשידענע זאכען, וואָס האָבען זיי ארומגערינ־
געלט און דערפון שטאמען ארוים פארשידענע שפראכען. עס קען
גאָר ניט געבען עטוואָס מעהר נאריש, ווי די באהויפטונג, דאָס די
אָריגינעלע שפראך איז צומישט געוואָרען ביי דעם טהורם פון
בבל.

לויט נאָך דער ביבעל איז נאָך געוועזן א שפראך ביז דעם
בויען פון דעם טורעם, און עס איז מעגליך, אז עס וואָלט אזוי
געבליבען, ווען די מענשען וואָלטען ניט געבויט דעם טורעם. וואָס
האָט גאָט געקענט איינוועגדען געגען דעם בויען פון דעם טורעם.
און ווי אזוי האָט א צומישונג פון א שפראך געקענט שטערען די
אונטערנעהמונג? ווי אזוי קען א שפראך צומישט ווערען? עס
האָט נאָר געקענט צומישט ווערען דורך דער צושטערונג פון גע־
דאנקען. האָט גאָט צושטערט די געדאנקען פון די מענשען? און
ווי אזוי? האָט ער פאראליזירט זייער מארך אָדער דעם טייל
פונ'ם מארך, וואָס באהערשט דעם אָרגאַן פון ריידען? אָדער ער
האָט אזוי געמאכט זייער מארך, דאָס זיי זאָלען ניט קענען הע־
רען? וויל יעמאנד פון די גאָט'ם סטראפטשעם מיר ערקלערען,
ווי אזוי האָט גאָט צומישט די שפראך פון די מענשען?

פארוואָס האָט עס אזוי פאסירט, אז די צומישונג פון זייער
שפראך האָט זיי געמאכט פאנאנדערצוגעהן?

און פארוואָס זיינען זיי ניט פארבליבען צוזאמען ביז זיי
וואָלטען זיך געקענט פארשטעהן? מענשען געהען זיך ניט פאנאנ־
דער, ווען עס איז זיי שלעכט. אין א צרה'דיגער צייט קומען זיי
זיך צוזאמען, איינער דעם אנדערען צו אונטערשטיצען. פארוואָס
גראָדע דעם מאָל זיינען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען? ווי אזוי האָ־
בען זיי, איינענטליך, געקענט באשטימען פאנאנערצוגעהן און וואו

צו געהן? ווי אזוי האבען זיי זיך פארשטענדיגט איינער מיט דעם אנדערען?

איז עס מעגליך, דאס ווער עס איז גלויבט נאך איצט, אז ווען ניט די געשיכטע פון טורם, וואלטען די גאנצע וועלט מענשען גערעדט איין שפראך? ווייסען מיר דען ניט, דאס יעדער ווארט איז אנטשטאנען דורך די ערפאהרונגען פון מענשען? ווייסען מיר דען ניט, דאס ווערטער שטארבען און נייע ווערען געבוי־רען, דאס יעדע שפראך האט איהר וויגעלע און בית־הקברות, איה־רע בליהונג און בלומען, איהרע פרוכט און פארוועלקטע בלעטער? מענשען האבען געליבט, געהאסט, געליטען און געהאפט און אלע ווערטער זיינען געבוירען פון די ערפאהרונגען.

און פארוואס איז גאט ארונטערגעקומען זעהן די שטאדט און דעם טורם, (וירד יהוה לראות את העיר ואת המגדל). האט ער עס ניט געקענט זעהן פון דארטען, וואו ער איז געוועזען? און פון וואנען איז ער ארונטערגעקומען? מען זאגט אונז, אז גאט איז איבעראל אין יעדען אטאם און אין יעדען שטויב. אויב דאס איז אמת, צו וואס איז ער דאן ארונטערגעקומען זעהן די שטאדט און דעם טורם? וויל מיר א פשט'ל מאכער דאס ערקלערען?

איז עס ניט פיעל בעסער און פארשטענדיגער צו זאגען, דאס משה האט געהאט א טעות, דאס ער האט געוואוסט זעהר ווייניג די ווימענשאפט פון שפראכען, און דאס ער האט געוואלט מעהר טרעפען ווי פיעל ער האט זיך גענומען צייט צו אונטער־זוכען.

ניבול פה אין חומש

פון דער צייט אן, ווי די שפראך איז צומישט געווארען ביז דעם געבורט פון אברהם, ווייסען מיר אבסאלוט גארניט, וואס האט פאסירט אין דער וועלט. דער חומש מאכט א שוויינ. נאר איידער איך וועל ריידען איבער דער געשיכטע פון די אידען, האלט איך פאר נויטיג צו זאגען, דאס איבער פיעלע זאכען, וועל־כע זיינען פארשריבען אין די חומשים, וויל איך ניט ריידען. פיעלע בלעטער אין די חומשים זיינען ניט אנשטענדיג גענוג פאר אן ארענטליכען מענשען צו לעזען, און פיעלע געשיכטען דארטען קענען ניט נאר פארבעסערען די זיטען פון דער מענשהייט, נאר

זיי קענען זיי נאָך פאַרדאַרבען. עס איז צו האָפען, דאָס די צייט וועט קומען, ווען די שמוציגע קאַפּיטלען און פּסוקים, וועלכע קענען ניט געלעזען ווערען אָהן צו מאַכען איינעם רויט פאַר שאַנדע, וועט־לען אַרויסגעוואָרפען ווערען פון חומש. אויב עס איז דאָ אַ גאָט, גלויב איך, דאָס עס איז אַ גאָט־לעסטערונג צוצושרייבען צו איהם די פאַרפאַסונג פון געוויסע קאַפּיטלען, וועלכע זיינען אַזוי שמוּ־ציג און אַזוי דערווידער, דאָס פיעלע וואָלטען זיך געשעהמט פאַר־צולעזען זיי אין דער געגענוואַרט פון פרויען.

די פרומאַקעס מאַכען זעהר אָפט אַ ליאַרעם איבער די, נאָך זייער מיינונג, אוממאָראַלישע וועלטליכע ליטעראַטור. איך דיינק, דאָס נאָך קיינמאָל זיינען ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען ביכער, וואָס זאָלען אין זיך אַנטהאַלטען אַזוי פיעל שמוץ, וויפיעל עס געפינט זיך אין די הייליגע חומשים. די געשיכטען זיינען אַזוי אָפען נידריג און שמוציג, דאָס איך וויל ניט פאַרשמוצען מיין פּאַפּיר, געבענדיג אויסציגע פון זיי און זיי קריטיזירען, איך לאָז עס איבער פאַר די פּריסטער און רבנים, זיי צו עקזאַמינירען און פאַרטיידיגען. די פּריסטער און רבנים ווייסען, ווי אַרויסצוציהען האָניג זאַגאַר פון אַזעלכע בלומען. אַזוי לאַנג ווי די קאַפּיטלען און פּסוקים זיינען ניט אַרויסגעוואָרפען פון דעם אַלטען טעסטאַ־מענט, וועט דער בוך בלייבען ניט אַנשטענדיג גענוג צו לעזען פאַר יונגע און אַלטע. קיין פּריסטער און ראַבינער וואָלט זיי פאַר קיין געזעלשאַפט ניט פאָרגעלעזען פאַר זייערע פאַרזאַמלונגען. פיעל קאַ־פּיטלען פון דעם שמוץ וואָלט אַן אַנשטענדיגער מענש ניט פאָרגע־לעזען פאַר אַ דאַמע, קיין פאָטער וואָלט זיי אויך ניט פאָרגעלעזען פאַר אַ קינד, און עס וועט קומען אַ צייט, ווען די מענשהייט וועט זיך וואונדערען, ווי אַזוי האָט אַזאַ בוך געקענט אָנגענומען ווע־רען, אַלס אַ גאָט באַגייסטערטעס ווערק.

איך ווייס, דאָס אין פיעלע ביכער, אויסער דער ביבעל, גי־בען פיעל ניט פּאַסענדע ציילען. פיעלע פון די גרעסטע שרייבער האָבען פאַרפלעקט זייערע בלעטער מיט ניט אַנשטענדיגע ציילען. מיר אַנטוואָרטען דאַרויף, דאָס זיי זיינען נאָר געווען מענשען, זיי האָבען געוואָלט זייערע שריפטען צוצופּאַסען צו דעם גייסט פון זייער צייט. מיר פאַרגיבען זיי, אָבער אין דער זעלבער צייט באַ־דויערען מיר, דאָס זיי האָבען געלאָזען אין זייערע ביכער אַ שמוּ־

ציגען וואָרט. וואָס אָבער קענען מיר זאָגען וועגען גאָט? איז עס מעגליך, דאָס ער, אַ וועזען פון אומבאַגרענצטער ריינקייט, דער אויטאָר פון זיטליכקייט, זאָל באַשמוצען זיין בוך מיט געשיכטען, וועלכע זיינען ניט מאָראַליש, עקעלהאַפט און קאָרופּט? אויב גאָט איז דער דיקטירער פון דער ביבעל, און ער איז אַ וועזען פון אומבאַגרענצטער ריינליכקייט, דאַרפען מיר אָננעהמען די ביבעל אַלס אַ וועגווייזער, ווי אַזוי אונזער מיינונג צו פּאַסען איבער די זיטליכקייט פון אַנדערע ביכער. און ווען די ביבעל איז ניט אומ־מאָראַליש, טאָ פרעג איך, וואָס פאַר אַן אַנדער בוך, געשריבען פון אַ מענשען, איז אוממאָראַליש? פאַרוואָס זאָלען מענשען ווערען באַשטראָפט מיט געפענגניס, ווען זיי שרייבען אין דעם זעלבען סטיל ווי גאָט? די גלויביגע דאַרפען אַ וואָרט ניט ריידען געגען אוממאָראַלישע שריפטען, אַזוי לאַנג ווי זיי רייניגען ניט אויס די שמוץ פון זייער אייגענער ביבעל. שטענדיג זאָגט מען אונז, דאָס די ביבעל איז דער פונדאַמענט פון אַנשטענדיגקייט און מאָראַ־ליטעט. און אין דער וואַרהייט איז עס גראַדע פאַרקערט. אַ פּריס־טער אָדער אַ מגיד, ווען ער וואָלט אין זיין רעדע פון דער בינע גע־ברויכט וועלכע־עס־איז אויסציגע פון די שמוציגע פּסוקים, וואָלט יעדער אַנוועזענדער איהם באַטראַכט פאַר אַ שמוציגען מענשען. יעדע פרוי וואָלט פאַרלאָזען דעם לאָקאַל און ווען די מענער וואָל־טען געבליבען, וואָלט עס נאָר געווען מיט דעם צוועק דעם מגיד אַנצורייסען די זייטען.

וואָלט עס פיעל בעסער געווען פאַר די גלויביגע צוצו־געבען, אַז די ביבעל איז געשריבען געוואָרען פון באַרבאַרען אין אַ באַרבאַרישער צייט? וואָלט עס ניט געווען זיכער פאַר זיי צו באַשולדיגען משה'ן פאַר די אַלע שמוץ, ווי צו באַשולדיגען גאָט? די גלויביגע זאָגען מיר, דאָס גאָט איז דער פאַרפאַסער פון די שלעכטע און נאַרישע געשיכטען.

איך האָב אונטערזוכט די פראַגע און געטאָן מיין מעגליכסטע און מיין שלוס איז: דאָס גאָט איז ניט שולדיג.

יעדער נאַרישער און אוממאָראַלישער וואָרט דאַרף ווערען אַרויסגעשמיסען פון דער ביבעל. לאָמיר באַהאַלטען יעדען שיי־נעם און גרויסען געדאַנק, וואָס געפינט זיך דאָרט, יעדע גערעכ־טיגקייט, יעדער וואָרט, וואָס קען מאַכען דעם מענשען איידעלער

און ריינער. לאמיר האבען דעם קוראַזש אויסצושטרייכען אלעס, וואס קען פארדארבען די מענשהייט. דער יונגער גייסט פון קינ־דער דארף ניט און זאל ניט באשמוצט ווערען מיט שענדליכע לעהרען. די שיינע אינסטינקטען פון דער יוגענד דארף ניט פאר־דארבען ווערען, לערענט די יונגע, דאס אזעלכע שמוץ איז דער רעזולטאט פון א ווילדער און פארדארבענער פאנטאזיע, לערענט זיי, דאס אונריינעס איז ניט הייליג, נאר, וואס עס איז ריין און גוט, דאס איז הייליג.

די בני ישראל

נאכדעם, ווי די שפראך איז צומישט געווארען און די מענ־שען זיינען פארשפרייט געווארען, איז ערשינען אין דעם לאנד כנען א ראסע, וועלכע איז באהערשט געווארען און האט געהאט פאר איהר הערשער א מאן מיט'ן נאמען אברהם. זיי האבען גע־האט בהמות, האבען געוואוינט אין לייוועטענע געצעלטען, הא־בען געהאט צו עטליכע ווייבער, זיי האבען ארומגעוואנדערט פון איין ארט צום צווייטען און זיינען געווען די איינציגע, פאר וועל־כע גאט האט געזארגט.

אין דער זעלבער צייט זיינען הונדערטע שטעדט אין אינדיען אנגעפילט געווען מיט טעמפלען און פאלאצען, מיליאנען מענשען אין מצרים האבען באדעקט זייער לאנד מיט וואונדערבארע מא־נומענטען פון אינדוסטריע, פון קונסט און געשיקטקייט. אבער דאס אלעס איז אינגאנצען פארגעסען פון גאט, אונזער טאטע האט זיך נאר באשעפטיגט מיט אברהם'ן און זיין פאמיליע.

ווי עס ווייזט אויס, איז גאט מיט אברהם'ן געווען זעהר בא־פריינדעט און זיי האבען זיך אפטער אונטערהאלטען און באשפרא־כען פיעל זאכען.

אין בראשית י"ב, האט גאט געזאגט צו אברהם'ן: איך וועל מאכען פון דיר א גרויסע נאציאן, איך וועל דיך בענשען און מא־כען דיין נאמען גרויס. דו וועסט זיין א בענשונג. איך וועל בענשען די, וואס בענשען דיך, און פלוכען די, וואס פלוכען דיך.

נאכהער ווי אברהם האט געקראגען די ברכה פון גאט, האט ער אוועקגעצויגען נאך דעם לאנד כנען. דארטען האט זיך גאט ווידער צו איהם באוויזען, און האט איהם געהייסען נעהמען א

דריי־יאָהריגע קעלבעל, אַ דריי־יאָהריגע ציג, און אַ דריי־יאָהריגע שעפּסעל, אַ טויב און אַ יונגע טייבעלע, און אברהם האָט זיי געשאָכטען, זיי צושניטען אויף צוויי טייל און האָט געלייגט איין שטיק געגען דעם אנדערען, און ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרען פינסטער, איז אַ רויכערדיגער פייער דורכגעגאַנגען צווישען די רויע שטיקער פלייש. דער שעכטען פון די בהמות איז געווען אַ פּאַרבייטונג פאַר אַ וויזיט פון גאָט. ווען אַ קריסטליכער מיסיאָנער אין סענטראַל אַפריקא זאָל דערזעהן אַ נעגער־הויפּטמאַן ארומגערינגעלט מיט די אַלע קרבנות פון אברהם, ערוואַרטענדיג אַ קאָמוניקאציאָן פון גאָט, וואָלט דער מיסיאָנער באַטראַכט איהם און די גאַנצע צערעמאָניע אַלס אַ רעזולטאַט פון ווילדקייט. און ווען דער נעגער־הויפּטמאַן וואָלט זיך אייגעשפּאַרט און געזאָגט, אַז ער האָט געזעהן אַ פייער דורכגעהן דורך די שטיקער פלייש, וואָלט דער מיסיאָנער געקומען צו דעם שלוס, אַז דער נעגער־הויפּטמאַנ׳ס מעטריקעס זיינען צומישט.

אויב די ביבעל איז אמת, האָט דער זעלבער גאָט געהייסען אברהם׳ען, ער זאָל נעהמען זיין איינציגען זוהן און זאָל איהם מקריב זיין פאַר אַ קרבן. אברהם וואָלט געוויס באַגאַנגען דעם מאָרד, ווען דער זעלבער גאָט וואָלט ניט אין דער ריכטיגער מינוט אָפּגעהאַלטען זיין האַנד און איהם ניט געהייסען נעהמען אַ שעפּס אַנשטאָט זיין זוהן.

גאָט האָט צוגעזאָגט אברהם׳ען פיעל זאַכען, אָבער ווייניג פון זיי האָט ער ערפילט. ער האָט איהם צוגעזאָגט צו מאַכען פאַר אַ פאָטע רפון אַ גרויסער נאַציאָן, און האָט עס ניט ערפילט. ער האָט איהם צוגעזאָגט אַ גרויסע לאַנד, דאָס לאַנד, וואָס ליגט צווישען דעם גרויסען טייך פון מצרים און פרת, אָבער האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטען.

אין אַ צייט ארום איז אברהם געשטאָרבען, און יצחק האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, אַלס הויפּטמאַן פון דער שטאָדט. נאָך איהם איז געקומען יעקב, וועלכער האָט געפּאַשעט די פיה ביי לבנ׳ען. יוסף איז פאַרקויפט געוואָרען פון זיינע ברידער אין מצרים. דאָרטען איז ער געוואָרען אַ גרויסער מאַן, און אין אַ צייט שפּעטער האָבען זיין פאָטער און ברידער פאַרלאָזען זייער פאָטערלאַנד און האָבען זיך באַזעצט אין מצרים. אין דער צייט

זיינען אין דער גאנצער וועלט געווען זיבעציג אידען, דארונטער יוסף און זיינע קינדער. זיי זיינען פארבליבען אין מצרים 215 יאהר. אנדערע זאגען, אז זיי זיינען דארט געווען 430 יאהר; דאס איז א טעות. יאזעפוס זאגט, זיי זיינען געווען אין מצרים 215 יאהר, און די באהויפטונג איז אונטערשטיצט פון די גרעס־טע ביבלישע געלעהרטע. אין ·שמות י"ב, פסוק מ' ווערט ווידער באהויפטעט, דאס דער אויפהאלטען זיך פון די בני ישראל אין מצרים איז געווען 430 יאהר.

זיי זיינען געווען זיבעציג נפשות, ווען זיי זיינען געקומען אין מצרים און זיינען דארטען פארבליבען 215 יאהר. אין דער צייט האבען זיי זיך פארמעהרט, אז זיי זיינען געווארען ביז דריי מיליאן. ווי אזוי ווייסען מיר, אז עס זיינען געווען ביז דריי מי־ליאן ביי דער ענדע פון 215 יאהר? מיר ווייסען עס, ווייל משה זאגט אונז, אז עס זיינען געווען זעקס הונדערט טויזענד קריעגס־מענער (שמות כ"א, ל"ז). צו יעדען קריעגס־מאן האט געמוזט זיין אמווייניגסטענס פינף ניט קריעגס־מענשען. אין יעדער שטאדט פון אמעריקא וועט איהר געפינען פינף פערזאנען, וואס האבען ניט קיין רעכט שטימען, צו איינעם, וואס האט יא דאס רעכט. אויב עס זיינען געווען זעקס הונדערט טויזענד קריעגס־מענער, האט געמוזט זיין א באפעלקערונג ניט ווייניגער ווי דריי מיליאן. איז עס מעגליך, אז זיבעציג מענשען האבען זיך געקענט פארמעהרען אין פארלויף פון 215 יאהר צו אזא מענגע. איהר מעגט זיך זאגען, אז דאס איז געשעהן דורך א נס, איך זעה ניט די נויטווענדיגקייט פון א נס אין דעם פאל. צו וואס האט גאט דורך א נס געדארפט באשאפען אזויפיעל קנעכט. אויב ער האט דורך א נס געוואלט פארמעהרען די קינדער פון ישראל, פארוואס האט ער ניט געווארט ביז זיי זיינען שוין געווען פריי; אין יאהר 1776 האבען מיר געהאט אין די אמעריקאנער קאלאניעס ביז דריי מיליאן מענשען. אין הונדערט יאהר האבען זיי זיך פארמעהרט פיערפאך, דאס איז 6, 21, 24 און 48 מיליאן ביי דער ענדע פון יאהר־הונדערט.

מיר דארפען ניט פארגעסען, דאס דורך די הונדערט יאהר איז געווען א שטענדיגע איינוואנדערונג פון עמיגראנטען, און די איינוואנדערונג צוזאמענגענומען מיט דעם פאקט, דאס אמעריקא

איז א פראדוקטיווע לאנד, האט עס אונז געגעבען א פיערפאכע באַפעהקערונג אין הונדערט יאהר. און מיר גיבען צו, אז די בני ישראל האבען זיך אליין פארמעהרט, אהן וועלכע איינוואנדערונג פון פרעמדע. לאמיר צוגעבען, אז זיי האבען זיך פיערפאך פאַרמעהרט אין יעדער הונדערט, וואלטען זיי אין צוויי הונדערט יאהר געהאט א באפעלקערונג פון 17,920. לאמיר צוגעבען נאך א דאַפעלטע פארמעהרונג פאר די איבעריגע פופצעהן יאהר און דאס אין דער צייט איז קיינער ניט געשטארבען, וואלטען מיר געהאט די צאל פון די בני ישראל 35,580. און דאך זאגט מען אונז, אז זיי האבען זיך אזוי פארמעהרט, אז זיי האבען געהאט זעקס הונדערט טויזענד קריעגס־מענער אדער א באפעלקערונג פון דריי מיליאן.

יעדער פארשטענדיגער מענש ווייס, אז אזא באהויפטונג קען ניט זיין ריכטיג, און דאך וויל מען, אז מיר זאלען גלויבען, אז זיבעציג מענשען האבען אין א צייט פון 215 יאהר זיך פארמעהרט צו דריי מיליאן מענשען. אין דער צייט האבען די בני ישראל געמאכט א צענזוס און האבען אויסגעציילט, אז עס זיינען געוועזען 22,273 בכורים. עס האט געמוזט געווים זיין די זעלבע צאל ערשט־געבוירענע מיידלאך און וואלט צוזאמען געמאכט 44,546 ערשט־געבוירענע קינדער. עס האבען געמוזט זיין אזויפיעל מוטערס, וויפיעל ערשט־געבוירענע קינדער. אויב עס זיינען געוועזען 45 טויזענד מוטערס און דריי מיליאן מענשען, האט יעדע מוטער געמוזט האבען אין דורכשניט צו זעקס און זעכציג קינדער.

אין דער צייט, פון וועלכער איך רייד, זיינען די בני ישראל געוועזען שקלאפען און זיינען געווען אין מצרים 215 יאהר. מיט א קורצער צייט פריהער פון יציאת־מצרים איז ארוים א באפעהל, דאס אלע נייגעבוירענע בחורים פון די אידען זאלען ווערען דערטרונקען, אבער איין זכר איז געראטעוועט געווארען; מען האט איהם אריינגעלייגט אין א קעסטעלע און אוועקגעלאזען אויפ'ן וואַסער. דאס קינד האט פרעה'ס טאכטער דערזעהן שווימענדיג. זי האט דאס צוגענומען און אויפגעבראכט אזוי ווי אן אייגענעם קינד. עס איז מעגליך, אז ער איז דאס געווען, ווען ער איז אויסגעוואקסען, וואס האט זיך אנגענומען פאר די אידען, ער האט גע'הרג'עט א מצרי, וועלכער האט געשלאגען אן עברי, ער האט דעם טויטען קערפער פון'ם מצרי באגראבען אין זאמד, איז אנט־

לאָפען פון מצרים נאָך דעם לאַנד מדין. דאָרטען האָט ער גע־מאַכט די באַקאַנטשאַפט פון אַ מדינ'עם כהן, וועלכער האָט געהאַט זיבען טעכטער, ער האָט זיך אַריינגעמישט אין אַ קריג, וועלכען די שוועסטער האָבען געהאַט מיט די פּאַסטוכער פון דעם זעלבען לאַנד, און האָט נאָכהער באַקומען צפּרה, איינע פון די שוועסטער פאַר אַ ווייב.

משה איז דאָרטען פאַרבליבען און האָט געפּיטערט זיין שווער'ס בהמות. פּיטערענדיג די בהמות, האָט זיך גאָט באַוויזען צו איהם אויף אַ ברענענדיגען דאָרען, און האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל געהן צו דעם קעניג פון מצרים, און ער זאָל פאַרלאַנגען די באַפרייאונג פון די בני ישראל, און אום משה זאָל זיך איבער־צייגען, דאָס דער ברענענדיגער דאָרען איז ווירקליך גאָט, האָט זיך דער שטעקען אין משה'ס האַנד פאַרביטען אין אַ שלאַנג, און ווען משה האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן עק, איז דער שלאַנג גע־וואָרען ווידער אַ שטעקען. ווי עס ווייזט אויס, איז נאָך ניט גע־ווען גענוג גאַראַנטי פאַר משה'ן און גאָט האָט איהם געהייסען אַריינשטעקען די האַנד אין בוזעם, און ווען ער האָט איהר צוריק אַרויסגענומען, איז די האַנד געוועזן קרעציג. גאָט האָט איהם צו־געזאָגט נאָך פיעל וואונדער און משה האָט זיך אונטערגענומען צו געהן נאָך מצרים, ווען זיין ברודער וועט מיטגעהן מיט איהם.

און גאָט האָט זיך באַוויזען צו אהרן און האָט איהם געהיי־סען טרעפען זיין ברודער משה אין דער ווילדערניש. זיי האָבען זיך געטראָפען ביי דעם באַרג פון גאָט, זיינען אַוועק נאָך דעם לאַנד מצרים און האָבען פאַרזאַמעלט אַלע זקני בני ישראל, האָ־בען זיי דערצעהלט אַלע ווערטער, וואָס גאָט האָט גערעדט צו משה'ן, און האָבען זיי געוויזען אַלע וואונדער, וואָס גאָט האָט געוויזען צו משה'ן. די זקנים האָבען געגלויבט און געטאָן תפלה. משה און אהרן זיינען נאָכדעם אַוועק צו פרעה'ן, און האָבען איהם איבערגעגעבען דעם פאַרלאַנג פון גאָט.

די מכות

דריי מיליאָן מענשען זיינען געוועזן אין שקלאַפעריי. זיי זיינען געוואָרען באַהאַנדעלט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט, און אַזוי שרעקליך זיינען זייערע אונטערדריקער, דאָס זיי האָבען

געטראַכט, פיליכט וועלען זיך די בני ישראל פאַרמעהרען און וועלען ווערען שטאַרק גענוג אונז צו באַזיגען, האָבען זיי גענומען קינדער פון די מוטערס׳ אָרעמס און האָבען זיי אומגעבראַכט.

אויב די ערצעהלונג איז ריכטיג, זיינען די מצרים געווען די שלעכטסטע און שרעקליכסטע מענשען, וועלכע מען קען נאָר גע־פינען אין דער געשיכטע. גאָט האָט ענדליך באַשטימט צו באַ־פרייען די בני ישראל. צו ערפילען זיין וואונש, האָט ער געשיקט משה און אהרן אַלס זיינע אַגענטען צו פּרעה; און דאָס דער קע־ניג זאָל גלויבען, אַז זיי האָבען אַ געטליכע שליחות, האָט ער געגעבען משה׳ן די מאַכט צו פאַרוואַנדלען זיין שטעקען אין אַ שלאַנג און וואַסער — צו בלוט.

משה און אהרן זיינען פאָרגעקומען פאַר דעם קעניג און האָ־בען איהם געזאָגט, אַז דער הערר־גאָט פון ישראל האָט איהם, פּרעה׳ן, געהייסען אָפּלאָזען די אידען צו האַלטען יום־טוב. נאַ־טירליך, האָט פּרעה נאָכגעפרעגט, ווער איז דאָס דער הערר־גאָט, וואָס האָט זיי געשיקט, אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט די עהרע צו מאַכען זיין באַקאַנטשאַפט און ער האָט פון איהם ניט געהערט. משה און אהרן האָבען איהם געענטפערט, דאָס דער גאָט פון די בני ישראל האָט זיי געטראָפען און האָט פאַרלאַנגט אַ דריי־טעגיגע רייזען צו געהן אין דעם מדבר צו ברייגנען אַ קרבן צו איהם, אַז ניט, האָבען זיי מורא, אַז גאָט וועט זיי איבערפאַלען און אויס׳הרג׳ענען מיט אַ פּעסט און שווערד. דאָס האָט פּרעה׳ס הארץ געמאַכט נאָך האַרטער, און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז די אַר־בייט פון די בני ישראל זאָל נאָך שווערער געמאַכט ווערען. דער רעזולטאַט פון דער אונטערהאַלטונג מיט פּרעה׳ן איז געווען, דאָס די לאַגע פון די בני ישראל איז געוואָרען ערגער און משה איז צוריקגעגאַנגען צו גאָט און האָט געזאָגט, אדני למה הרעתה לעם הזה למה זה שלחתנו, ווייל צייט איך בין געקומען צו פּרעה׳ן אין דיין נאָמען, האָט ער געטאָן שלעכטס צום פאָלק, און דו האָסט זיי ניט באַפרייט. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך גאָט געפונען באַ־ליידיגט פון די נייעס, און ער האָט געזאָגט צו משה׳ן:

„יעצט וועסט דו זעהן, וואָס איך וועל טאָן צו פּרעה׳ן. מיט אַ שטאַרקער האַנד וועט ער זיי מאַכען געהן און מיט אַ שטאַרקער

האנד וועט ער זיי ארויסטרייבען: ביד חזקה ישלחם וביד חזקה יגרשם מארצו".

און גאָט דערצעהלט משה'ן, דאָס ער האָט זיך אמאָל באַוויזען צו אברהם'ן, יצחק און יעקב, דאָס ער האָט זיי צוגעזאָגט צו געבען די לאַנד כנען, דאָס ער האָט געהערט דעם יאָמער פון די בני ישראל, און דער יאָמער האָט איהם דערמאָנט אין זיין פאַרשפּרעכען, און דאָס ער האָט באַשטימט אויסצולייזען די בני ישראל בזרוע נטויה ובשפטים גדולים. ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך דער הייליגער טאַטע פאַרגעסען אין זיין צוזאָג, און ווען ניט די שמיץ פון די מצריים און דער יאָמער פון די בני ישראל, ווער ווייס, וואו מיר וואָלטען געווען. שפּעטער האָט משה ווידער גערעדט צו די בני ישראל און זיי האָבען איהם ניט געוואָלט הערען. ווייל, צייט דעם ערשטען מאָל, ווי ער האָט מיט זיי גערעדט, האָט מען זיי באַשטראָפט מיט שווערע אַרבייט. און גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, אַז ער וועט איהם מאַכען פאַר אַ גאָט צו פּרעה'ן און זיין ברודער אהרן פאַר אַ נביא און האָט איהם אין דערזעלבער צייט געזאָגט, דאָס זיין געהן צו פּרעה'ן וועט ניט העלפען, דאָס ער וועט הארט מאַכען פּרעה'ס הארץ און פּרעה וועט איהם ניט פאָלגען. כדי ער, גאָט, זאָל האָבען אַן אויסרייד צו פאַרניכטען די מצריים. און משה מיט אהרן זיינען געקומען צו פּרעה'ן, האָבען געמאַכט אַ הייליגען קונץ, האָבען פאַרוואַנדעלט דעם שטעקען אין אַ שלאַנג. פּרעה'ס מכשפים האָבען באַוויזען דעמזעלבען קונץ ווי משה. איז עס מעגליך, אַז אַ גרויסער, מעכטיגער גאָט זאָל וועלען באַפרייען זיינע קינדער דורך אַזאַ קונץ. דאָס זיינער אַ מענשעלע קען אויך מאַכען? נאָך ניט איין וואָרט איז געזאָגט געוואָרען פון משה'ן און אהרן וועגען דעם פאַרברעכען פון באַרויבען אַ מענשען פון זיין פרייהייט. זיי האָבען זאָגאַר ניט געזאָגט, דאָס יעדער מענש האָט אַ רעכט צו דער אַרבייט, וועלכע ער פּראָדוצירט. זיי האָבען אַ וואָרט ניט געזאָגט געגען די מייסטערס, וועלכע האָבען געמאָרדעט זייערע קינדער, עס איז וואונדערבאַר, דאָס דער אַלץ־וויסענדער גאָט האָט ניט געזאָגט דעם קעניג פון מצרים, דאָס קיין נאַציאָן קען ניט פאַרשקלאַפען אַן אַנדער נאַציאָן אָהן זיך זעלבסט, אין דער זעלבער צייט, צו פאַרשקלאַפען, דאָס עס איז אוממעגליך ארויפצוואַרפען קייטען

אויף די גלידער פון א שקלאף און אין דער זעלבער צייט ניט אנ־צוטאן קייטען אויף דעם מייסטער'ס קאפ. פארוואס האט ער ניט געזאגט פרעה'ן, דאס א נאציאן, וועלכע באשטעהט אויף שקלאפעריי, קען ניט עקזיסטירען? אנשטאט דעם אלעס צו ער־קלערען, אנשטאט צו אפעלירען צו גערעכטיגקייט, מיטלייד און פרייהייט, האט גאט אנגעווענדעט מיטלען פון קונצען.

שטעלט זיך פאר, דאס דער פרעזידענט פון אמעריקא אונ־טערהאנדעלט מיט א ווילדען קעניג, ער שיקט א געזאנדטען, וועל־כער קומט פאר פאר דעם קעניג, דערלאנגט א ווארף א שטעקען. וועלכער פארוואנדעלט זיך אין א טויב אדער עטוואס אנדערעס. וואס וואלטען מיר געדיינקט דערפון? וואלטען מיר ניט גע־דיינקט, דאס אזא פארשטעלונג ערנידערט זאגאר א פרעזידענט? דאן וואס וואלטען מיר דיינקען, ווען דער ווילדער קעניג שיקט רו־פען זיינע מכשפים און זיי מאכען אויך דעמזעלבען קונץ? אויב אזא טהאט וואלט געווען נאריש פון א פרעזידענט פון א רעפוב־ליק, דאן וואס קענען מיר שוין דיינקען פון דעם באשעפער פון אלע וועלטען? ווי קליין און ווי נידריג אזא גאט שיינט צו זיין. פרעה, ווי עס ווייזט אויס, האט אויך אזוי געדיינקט און האט ניט געוואלט גלויבען, דאס אזעלכע קונצען קענען געמאכט ווערען פון א גרויסען און מעכטיגען גאט.

משה און אהרן זיינען ווידער געגאנגען צו פרעה'ן און האָ־בען איהם געטראפען ביים וואסער. אהרן האט גענומען דעם שטע־קען, וואס האט זיך פארוואנדעלט צו א שלאנג און ווידער צו א שטעקען. ער האט געשלאגען דאס וואסער אין טייך, און די וואַ־סער האט זיך פארוואנדעלט צו בלוט. און אויך אלע וואסערען פון לאנד מצרים, וועלכע האבען זיך געפונען אין טייכען, אין הילצערנע, שטיינערנע כלים האט זיך פארביטען אין בלוט. די מכשפים האבען נאכגעמאכט דעם זעלבען קונץ.

משה זאגט אונז ניט, פון וואנען די מכשפים האבען גענו־מען וואסער צו פארוואנדלען אין בלוט, ווען אלע וואסערען אין מצרים זיינען שוין געווען פארביטען צו בלוט. מען זאגט אונז, אז די פיש אין טייך נילוס זיינען געווען אויסגעראטען, און אין גאנצען לאנד מצרים איז ניט געווען א טראפען וואסער, און די מצריים האבען געגראבען ארום דעם טייך פאר נייע וואסער.

נאָכדעם, ווי משה און אהרן האָבען געמאַכט די וואַסער צו בלוט, האָבען זיי געוואַרט זיבען טעג, דאַן זיינען זיי ווידער גע־קומען צו פּרעה'ן מיט דעם זעלבען פאַרלאַנג פון גאָט, און אויב ער וועט עס ניט טאָן, וועט גאָט פּלאָגען דאָס לאַנד מצרים מיט זשאַבעס, וועלכע וועלען זיין פול אין די וואַסערען, די הייזער, שלאָפצימערען, בעטען, אייוועַנס און זאָגאַר אין זייער טייג. אויך דיזער סטראַשונאָק האָט ניט געווירקט אויף דעם האַרטהערציגען פּרעה, און משה מיט זיין אַדיוטאַנט האָבען דאָס לאַנד מצרים פאַרפלייצט מיט זשאַבעס. די מכשפים פון מצרים האָבען אויך דעם קונץ נאָכגעמאַכט. די מכשפים פון מצרים זיינען ניט גע־ווען קיין אָריגינעלע קונצען־מאַכער, נאָר וואָס אַנבאַטרעפט נאָכ־צומאַכען א קונץ, אין דעם האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט. די זשאַבעס האָבען געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג אויף פּרעה'ן און ער האָט געבעטען משה'ן, ער זאָל פּועל'ן ביי גאָט, אַז די זשאַבעס זאָלען פאַרלאָזען זיין לאַנד. משה האָט איינגעשטימט אויסצו־ראָמען די זשאַבעס און זיי נאָר איבערגעלאָזען אין די וואַסערען. די זשאַבעס זיינען אויסגע'פּגר'ט און אַזוי גיך ווי פּרעה איז פון זיי פּטור געוואָרען, אַז זיין האַרץ ווידער געוואָרען האַרט און ער האָט זיך אָנטזאָגט צו באַפרייען די אידען.

אהרן האָט דאַן, נאָך דעם באַפעהל פון גאָט, אויסגעצויגען זיין האַנד און מיט זיין שטעקען געשלאָגען די שטויב פון דער ערד, און פון דער שטויב זיינען געוואָרען כּנים, וועלכע זיינען אָנגעקראָכען אויף די מענשען און בהמות. פּרעה האָט ווידער געשיקט נאָך זיינע מכשפים, וועלכע האָבען געפּרובירט נאָכצו־מאַכען דעם קונץ, און האָבען ניט געקענט, דאַן האָבען זיי געזאָגט, אַז דאָס איז דער פינגער פון גאָט, אצבע אלהים הוא. פונדעסטוועגען האָט זיך פּרעה אַלץ אָנטזאָגט אָפּצולאָזען די בני ישראל. גאָט האָט דאַן פאַראורזאַכט א גרויסע מענגע פליגען זאָלען באַפאַלען די מצריים, און זיי זיינעז פול געוואָרען אין די הייזער פון פּרעה און זיינע דינער, און זיי זיינען געווען אַזוי פיעל, דאָס זיי האָבען פאַרדאָרבען דאָס גאַנצע לאַנד. פּרעה האָט גע־שיקט רופען משה און אהרן און האָט זיי געזאָגט, אַז די בני ישראל קענען גאָט דינען אין זיין לאַנד. זיי האָבען זיך דערפון אָנטזאָגט און געבעטען, ער זאָל זיי געבען דריי טעג צו געהן אין

דער מדבר. פרעה האָט איינגעשטימט צו דעם פאָרשלאָג אויף די קאָנדיציאָנען, אז די פליגען זאָלען פארלאָזען דאָס לאַנד. משה האָט עס מיטגעטיילט גאָט, און ער האָט אָפּגעראַמט די פליגען. און פרעה'ס הארץ איז ווידער פארהארטעוועט געוואָרען און ער האָט זיך אנטזאָגט אָפּצולאָזען די אידען. גאָט האָט דאַן געהייסען משה'ן ווידער צו געהן צו פרעה'ן, און איהם זאָגען, אז אויב ער וועט ניט ערפילען זיין וואונש, וועט ער ארויפשיקען אַ פּעסט אויף אַלע בהמות און זיי וועלען אויס'פגר'ן, אָבער די בהמות פון די בני ישראל וועט ניט שאַדען. אויף מאָרגען איז טאַקע אזוי געשעהן: אַלע בהמות פון מצרים זיינען אויסגע'פגר'ט געוואָרען, אָבער די בהמות פון די בני ישראל זיינען לעבען געבליבען. דער אומגליק האָט אַ קנאַפּע ווירקונג געמאַכט אויף פרעה'ן און ער האָט זיך נאָך אַלץ אנטזאָגט. און גאָט האָט געהייסען משה'ן און אהרן צו נעהמען אַש און עס פאַנאַנדערשיטען אין דער געגענוואַרט פון פרעה'ן, אום דערפון זאָל ווערען געשווירען אויף די לייבער פון די מענשען און חיות אין גאַנצען לאַנד מצרים, און משה האָט אזוי געטאָן. ווי אזוי די געשווירען האָבען געקענט שאַדען די טויטע חיות פון לאַנד מצרים, פארשטעה איך ניט, דען מען דאַרף ניט פארגעסען, דאָס אַלע בהמות פון מצרים האָט גאָט אויסגע'הרג'עט מיט'ן פּעסט, נאָך איידער די געשווירען זיינען אָנגעשיקט געוואָרען. די מכה איז געווען דער גרעסטער זיגפאַר משה און אהרן, די געשווירען זיינען זאָגאַר אויף די קערפּערס פון די מכשפים געווען, אָבער עס האָט קיין ווירקונג ניט געמאַכט אויף פרעה'ן. ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען אַ מאַן פון אייזען, און גאָט האָט געשיקט אַ נייע מכה אויף פרעה'ן, עס האָט אויסגעבראָכען אַ שטורעם מיט דונערען און בליצען און אַ האָגעל, וועלכער האָט אויסגע'הרג'עט די אַלע בהמות און מענשען. וואָס זיינען געווען אין די פעלדער, עס האָט אויסגעבראָכען אַלע בוימער אין דעם לאַנד און צוקלאַפּט אַלע גרינסען, אָבער אין דעם קוואַרטאַל, וואו די בני ישראל האָבען געוואוינט, האָט די מכה קיין ווירקונג ניט געהאַט.

פרעה האָט ווידער געשיקט נאָך משה'ן און אהרן און האָט זיי מודה געווען, אז ער האָט געזינדיגט, דאָס זייער גאָט איז אַ גערעכטער און די מצריים זיינען זינדיגע, אז ער וועט שוין זיין

גוט און פרום, נאָר גאָט זאָל אָפּהאַלטען מיט זיינע מכות. משה האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענד צום הימעל, דער האָגעל האָט אויפגעהערט, און פּרעה האָט זיך ווידער אַנטזאָגט אָפּצולאָזען די בני ישׂראל.

און גאָט האָט ווידער געשיקט אַ מכה אויף דעם לאַנד מצרים, וועלכע איז געקומען אין דער פאָרמע פון היישעריקען און ווידער האָט פּרעה זיך אָפּגעבעטען ביי משה'ן און אַזוי ווייטער.

און גאָט האָט ווידער געהייסען משה'ן אויסשפּרייטען זיינע הענד, עס זאָל ווערען אַ פינסטערניש איבער דעם לאַנד מצרים. משה האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענד און עס איז געוואָרען אַזאַ פינסטערניש, אַז מען האָט עס געקענט אָנטאַפּען. די פינסטערניש האָט אָנגעהאַלטען דריי טעג. איינער האָט ניט געזעהן דעם אַנדערען, נאָר ביי די בני ישׂראל איז געווען ליכטיג. עס איז מערקווירדיג, דאָס אין דער צייט פון דער פינסטערניש, האָבען די אידען ניט פאַרלאָזען מצרים, ביי זיי איז דאָך געווען ליכטיג און זיי האָבען געהאַט דריי טעג דאָס צו טאָן.

און פּרעה האָט ווידער געשיקט נאָך משה'ן, און האָט איהם געזאָגט, אַז די בני ישׂראל קענען געהן דינען זייער גאָט, נאָר זיי זאָלען איבערלאָזען זייערע סטאַדעס אין מצרים. משה האָט זיך אַנטזאָגט, ווייל, זאָגט ער, די בהמות דאַרפען זיי האָבען פאַר קרבנות צו גאָט, און ער ווייס ניט וויפיעל גאָט וועט געברויכען און דאַרום מוז ער מיטנעהמען אַלעס. ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי ניט איינשטימיג געוואָרען איבער די בהמות און פּרעה האָט זיך ווידער אַנטזאָגט אָפּצולאָזען די בני ישׂראל. דאַן האָט גאָט אָנגעזאָגט משה'ן, אַז די בני ישׂראל זאָלען לייען ביי די מצריים זייער צירונג, זילבער און גאָלד. געווים דורך אַ וואונדער, האָבען זיי געפונען חן ביי די מצריים און זיי האָבען געקראָגען אַלעס, וואָס זיי האָבען געבעטען. דאַן איז משה געגאַנגען צו פּרעה'ן און האָט איהם געזאָגט, אַז גאָט וועט הרג'ענען אַלע בכורים אין דעם לאַנד מצרים, פון דעם בכור פון פּרעה'ן, וואָס זיצט אויפ'ן טראָן ביז דעם ערשט־געבוירענעם פון דער דינסט, וואָס שטעהט הינטער מיל, און אויך אַלע בכורים פון די בהמות וועלען גע'הרג'עט ווערען.

אַזוי ווי אַלע בהמות זיינען אויסגעפאַלען פון האָגעל און

פעסט, איז עס שווער צו פארשטעהן, וואו גאָט האָט געזאָלט נעה־מען בכורים פון די בהמות.

גרויסע צוריכטונגען זיינען געמאַכט געוואָרען, כדי גאָט זאָל קענען אויספיהרען זיין שרעקליכען פארשפרעכען. מען האָט באַשמירט מיט בלוט די אושאָקעס פון די הייזער, וואו די בני ישראל האָבען געוואוינט, כדי גאָט זאָל ניט מאַכען אַן אירטום און הרג'ענען די בכורים פון די בני ישראל, און פונקט אין מיטען נאַכט האָט גאָט דורכגעמאַרשירט דורך מצרים און האָט אויס־גע'הרג'עט אַלע בכורים, פון פרעה'ס בכור, וואָס זיצט אויפ'ן טראָן, ביז דעם בכור, וואָס ליגט געפאַנגען אין קעלער. און פרעה אַזוי אויפגעשטאַנען מיט זיינע באַדינטע און עס איז געוואָרען אַ גרוי־סער גערודער און געשריי אין מצרים, דען עס איז ניט געוועזען אַ הויז, וואו עס איז אויך ניט געוועזען אַ גע'הרג'עטער.

וואָס האָבען די קינדער געטאָן? פארוואָס זאָלען אומשולדיגע קינדער געמאָרדעט ווערען אין זייערע וויגען פאַר פרעה'ס זינד? פארוואָס זאָלען בהמות ווערען אויסגעראָטעט וועגען די זינד, וואָס איין מענש האָט פארשקלאָפט זיינע נעבען־מענשען? אין דער צייט, פון וועלכער איך רייד, זיינען פרויען, קינדער און בהמות געווען גערעכענט אַלס דאָס אייגענטום פון מאַן, און ווען די מע־נער האָבען ארויפגעבראַכט אויף זיך דעם צאָרן פון גאָט, פלעגט ער זיי באַשטראָפען מיט דער פארניכטונג פון זייערע ווייבער, קינדער און זייערע סטאַדעס.

וואו געפינט מען ווערטער, ביטער גענוג צו פארדאַמען אַ גאָט, וועלכער ראָטעט אויס די ווייבער און אומשולדיגע קינ־דער פאַר די זינד פון זייערע מאַנען און פאָטערס. יעדער גוטער מאַן און גוטע פרוי דאַרפען האַסען און פאראַכטען אַזאַ גאָט.

פאַר דיזער מכה האָט זיך שוין פרעה דערשראָקען. ער האָט געשיקט נאָך משה'ן און אהרן און האָט איינגעשטימט די אידען אַוועקצולאָזען און האָט זיי נאָך אונטערגעטריבען, דאָס זיי זאָלען געהן.

איז עס מעגליך, דאָס דער גרויסער גאָט, וואָס האָט באַשאַפען די וועלט, דער גאָט פון רחמים, האָט געזאָגט צו פרעה'ן: אַז דו וועסט ניט באַפרייען מיין פאָלק, וועל איך מאַכען דיינע וואַ־סערען צו בלוט, דאָס פרעה האָט זיך אַנטזאָגט און האָט אָנגע־

טריבען מיט גאָט א גאַנצע פּאָליטיק? איך וועל דיך שמייסען, האָט גאָט געזאָגט צו פרעה'ן, אַזוי ווי דער מלמד זאָגט צום חדר־אינגעל. איך וועל זיין גוט, האָט פרעה געשריען צום ערשטען שמיץ, און ווי מען האָט איהם אָפּגעלאָזען, ווידער א געוויין און ווידער ווי געוועזן דורך דער גאַנצער צייט. דער הייליגער טאַטע האָט נאָך מעהר פאַרהאַרטעוועט די הארץ פון פרעה, אום ער זאָל איהם קענען אָפּצעהלען די גאַנצע צאָל שמיץ. איז עס מעגליך צו באַגרייפען עטוואָס מעהר נאַרישעס, עקעלהאַפטעס און אומזיניגעס, ווי די נסים, וואָס גאָט האָט געטאָן מיט דער אבזיכט, דאָס פרעה זאָל פריילאָזען די בני ישראל?

איז ניט גלייכער צו דיינקען, דאָס די בני ישראל, זייענדיג אין שקלאַפעריי, האָבען ערקלערט אַלע אומגליקען, וואָס האָבען געטראָפען די מצריים, אַלס שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס זיי, די מצריים, האָבען זיי געהאַלטען אין שקלאַפעריי?

אין דער צייט פון דער שפּאַנישער מלחמה מיט ענגלאַנד, ווען די שפּאַנישע פלאָטע איז פאַרניכטעט געוואָרען, האָבען די ענגלישע פּראָטעסטאַנטען געגלויבט, דאָס גאָט האָט זיי געהאָל־פען צו פאַרניכטען דעם יאָך פון די שפּאַנישע קאַטאָליקען און האָבען צו גאָט אָפּגעגעבען א שבח, ווען די שלאַכט פון „לא פאַנטא" איז געוואונען געוואָרען. ביי די קאַטאָליקען האָבען זיי אויך א שבח אָפּגעגעבען צו גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט זיי געהאָלפען. אין דער צייט פון דעם אמעריקאַנישען אויפשטאַנד, האָבען די אמעריקאַנער אויך געגלויבט, אַז זיי האָבען געזעהן דעם עצבע אלהים אין זייער זיעג און דורך גאָט'ס אריינמישונג האָבען זיי געוואונען זייער זעלבסטשטענדיגקייט. עס איז מעגליך, דאָס ווען די אידען זיינען געוועזן פאַרשקלאַפט אין מצרים, האָט פּאַסירט א מגפה צווישען די בהמות און פיעלע זיינען אויסגעפאַלען. עס איז אויך מעגליך, אַז א געוויסע קראַנקהייט האָט אויסגעבראָכען און דאָס אין יעדעס הויז איז געוועזן א טויטער, און אבערגלויביגע און פאַרשקלאַפטע אידען קענען דיינקען, דאָס די אַלע קראַנק־הייטען זיינען א שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס פרעה לאָזט זיי ניט ארויס פון מצרים. ווי, אַלזאָ, דאָס זאָל ניט האָבען פּאַסירט, איז עס אבער זיכער, דאָס דער פאַרפאַסער פון דער ביבעל האָט זיך געאירט, ארויפוואַרפענדיג אויף גאָט די שולד פון אַזעלכע

נארישע, הערצלאזע און שעדליכע טאטען. דער שלום פון דער גאנצער געשיכטע איז, דאס משה האט געהאט א גרויסע ן טעות.

יציאת מצרים

דריי מיליאן מענשען מיט זייערע סטאדעס פיה, געבארגטע צירונג, גאלד און קליידער, מיט ניט איינגעזויערטער טייג אויף די פלייצעס, האבען זיי אין א שעהנער נאכט אנגעפאנגען זייער רייזע נאך דער לאנג צוגעזאגטער לאנד. אין חומש זעהט מען עפעס ניט ארויס, ווי אזוי זיי אלע האבען געוואוסט די ריכטיגע צייט, ווען ארויסצוגעהן. מיט אלע איצטיגע וויסענשאפטליכע איינריכטונגען, וואלט גענומען א לאנגע צייט אנצוזאגען דריי מיליאן מענשען וועגען א געוויסער זאך.

אין דיזער גרויסער מענגע מענשען זיינען געווען זעקס הונ־דערט טויזענד קריעגס־מענער. מיט זיי זיינען אויך געווען יונגע קינדער, אלטע לייט, שוואכע און קראנקע, וואוהין זיינען דיזע אלע געגאנגען? אין דער ווילדערניס, אין דעם שרעקליכען מדבר, צו דעם בארג סיני.

אלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט צוזאמען וואלטען ניט געקענט ערנעהרען און אונטערשטיצען דריי מיליאן מענשען אין אזא ווילדערניס פערציג יאהר, עס וואלט געקאסט אזוי פיעל געלד, אז עס וואלטען באקראט געמאכט אלע אידישע און קריסט־ליכע מיליאנערען. זיי האבען מיט זיך געהאט זייערע סטאדעס. און האבען געהאט אזויפיעל שעפסען, אז איין מאל האבען זיי מקריב געווען צו גאט פופציג טויזענד בכורים פון די לעמער. ווי אזוי האט זיך אזא מענגע בהמות ערנעהרט? וואו זיינען געווען לאנקעס פאר זיי זיך צו פאשען? אין דעם מדבר האט קיין גראז ניט געוואקסען, עס זיינען דארט קיין וועלדער ניט געווען. אין דער ביבעל איז זאגאר ניט דערמאנט, אז זיי האבען זיך דורך איר־גענד וועלכען נס אנגעזעטיגט; אנצופיטערען אזוי פיעל בהמות, איז נויטיג געווען מיליאנען אקערס מיט גראז באוואקסענע לאנד. גאט האט די בני ישראל ניט דורכגעפיהרט דורך דער לאנד פון די פלשתים, ווייל ער האט מורא געהאט, אז די בני ישראל, דער־זעהענדיג זיי, וועלען זיך דערשרעקען און וועלען זיך אומקערען

צוריק נאָך מצרים. ער האָט זיי דאָרום גענומען דורך דער וויל־דערניס צו דעם רויטען ים, באוואכט מיט א זייל פון וואָלקען ביי־טאָג, און מיט א זייל פון פייער ביינאַכט. פרעה האָט זיך דער־וואוסט, דאָס די בני ישראל זיינען אנטלאָפען, האָט ער גענומען זעקס הונדערט רייטוועגען מיט מיליטער, האָט זיי נאָכגעיאָגט און דערגרייכט זיי ביים ים. אזוי ווי אַלע פיה זיינען אויסגעראָ־טעט געוואָרען דורך די מכות, בעט זיך דאָ א פראַגע, נעמליך, וואו האָט ער גענומען פערד איינצושפאַנען אין די רייטוועגען? באַלד ווי די בני ישראל האָבען דערזעהן פרעה'ס מיליטער מיט די רייט־וועגען, האָבען זיי זיך דערשראָקען און האָבען אָנגעהויבען בעטען גאָט, ער זאָל זיי באַשיצען. עס וואונדערט מיך זעהר, דאָס א לאַנד, אין וועלכער די מכות האָבען אָנגעמאַכט אזא פארניכטונג פון מענשען און בהמות, זאָל נאָך זיין אומשטאַנד אויפצוקליי־בען אַן אַרמעע אין אזא קורצער צייט און זאָל נאָך קענען דערשרע־קען זעקס הונדערט טויזענד קריעגס־מענער! צוזאַמען מיט גאָט'ס הילף זיינען זיי ניט געווען שטאַרק גענוג צו באַגעגענען זיי אויפ'ן אָפענעם פעלד. און משה האָט ווידער געמוזט רופען צו הילף זיין קונצשטיק, ער האָט ווידער אויסגעצויגען זיין וואונדער־שטעקען איבער די וואַסערען פון ים־סוף, די וואַסער האָט זיך פאַנאַנ־דערגעטיילט, און די בני ישראל זיינען דורכגעגאַנגען אויף טרו־קענע לאַנד. די וואַסערען זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען אזוי ווי ווענט. די מצריים האָבען זיי נאָכגעיאָגט, און אין דער פריה האָט גאָט אַרויסגעקוקט פון דעם פייערדיגען זייל אויף די מצריים און האָט אָנגעהויבען אַראָפּצונעהמען די רעדער פון זייערע רייטוועגען. אזוי גיך ווי ער האָט די רעדער אַראָפּגענומען, האָט ער געהייסען משה'ן אויסשטרעקען זיין שטעקען איבער די וואַסערען. משה האָט אזוי געטאָן, און די צוטיילטע וואַסערען זיינען צוריק־געגאַנגען אויף זייער פּלאַץ און האָבען דערטרונקען די גאַנצע מי־ליטער פון פרעה מיט זיינע פערד און רייטוועגען, אַז עס איז ניט געבליבען איינער פון זיי. ווען די געשיכטע זאָל שוין זאָגאַר זיין ריכטיג, גיט עס אויך דאָך ניט פיעל צו, צו דער גרויסקייט פון גאָט. שטעלט זיך פאָר א בילד: גאָט דער באַשעפער פון דער וועלט, פון יעדען שיינענדען שטערן, באַשעפטיגט זיך מיט אַרונ־

טעררײסען די רעדער פון פרעה'ס רײטװעגען, אום צו איבערציי־
גען דערמיט פרעה'ן אין זײן גרױסקײט און מאַכט!

װאו זײנען די מענשען געגאַנגען? אין דעם לאַנד, װעלכען גאָט האָט צוגעזאָגט זײערע עלטערען. װי גרױס איז דאָס לאַנד געװען? ביז צװעלף קװאַדראַטנע מײל. עס איז געװען אַ שרעק־ליכע לאַנד, אַ װיסטעניש, באַדעקט מיט שטײנער, און װיפיעל מענשען האָבען באַװאױנט די לאַנד? משה זאָגט אונז, דאָס דאָר־טען זײנען געװען זיבען נאַציאָנען, יעדער פיעל שטאַרקער פון די בני ישראל. װען די צאָל פון די בני ישראל איז געװען צו יענער צײט דרײ מיליאָן, האָט די צאָל פון די זיבען נאַציאָנען געמוזט זײן אײן־און־צװאַנציג מיליאָן. די אַלע נאַציאָנען האָבען די בני ישראל געמוזט באַקעמפען, אום צו מאַכען פּלאַץ פאַר זיך. אָבער װי עס װײזט אױס, האָט גאָט ניט געװאָלט אַרײנפיהרען די בני ישראל אין דער צוגעזאָגטער לאַנד, װי זײ זײנען אַרױס פון לאַנד מצרים, זײ זײנען ניט װירדיג געװען אַרײנצוגעהן אין לאַנד כנען. אַזױ האָט ער באַשלאָסען, זײ זאָלען װאַנדערען אין דער װילדער־ניס ביז אַלע, װעלכע זײנען אַרױסגעגאַנגען פון מצרים, װעלען אױסשטאַרבען, אױסער צװײ פּערזאָנען. אַזױ גיך, װי זײ זײנען אַריבערגעגאַנגען דעם ים־סוף, זײנען זײ צוקוריק געקומען אין שפּײז. די װאַסער, װאָס זײ האָבען געפונען, איז געװען ביטער צום טרינ־קען. װי עס װײזט אױס, האָבען זײ אָפּגעהאַלטען אַ פּראָטעסט־מיטינג געגען משה'ן. משה האָט געבעטען צו גאָט, און גאָט האָט איהם געװיזען אַ בױם, װעלכען ער האָט איהם געהײסען אַרײנװאַרפען אין װאַסער, און די װאַסער איז געװאָרען זיס.

און עס האָט פּאַסירט, דאָס אין דער פריה איז געלעגען דער טױ אַרום דעם אידישען לאַגער, און װען ער איז געװען פאַרבײ, האָבען די בני ישראל באַמערקט, דאָס אױף דער פלאַכע פון דער װילדערניס איז געלעגען אַ שמאָלער, רונדער געגענשטאַנד, אַזױ קלײן, װי דער פראָסט. און משה האָט צו זײ געזאָגט: „דאָס איז די שפּײז, װאָס גאָט האָט אײך געגעבען צו עסען". דער מן איז געװען אַ מערקװירדיגע זאַך: עס איז צוגעגאַנגען אין דער היץ פון דער זון, דאָך האָבען די אידען עס געקענט קאָכען און באַקען. דאָס איז אַזױ מעגליך, װי צו בראָטען שנעע אָדער קאָ־כען אײז־ליכטלאַך. דער מ ן האָט אָבער געהאַט נאָך אַ מערק־

ווירדיגע איינגעשאפט. וויפיעל איינער האט געקליבען, סאי פיעל, סאי ווייניג, האט ער אלע מאל געהאט א ריכטיגען עמער. האט מען אנגעקליבען ווייניג, פלעגט עס שטייגען צו דער מאס, האט מען געקליבען מעהרער, פלעגט עס זינקען צו דער זעלבער מאס פון עמער.

מיט דעם מן האבען די בני ישראל געלעבט פערציג יאהר, ביז זיי זיינען אנגעקומען צום גרענעץ פון לאנד כנען. משה דער־צעהלט אונז אין דברים, דאס די בני ישראל איז מיאוס געווא־רען עסענדיג דעם מן. דאס זיי האבען זיך געקלאגט, פארוואס גאט האט זיי ארויסגעפיהרט פון מצרים, כדי זיי זאלען דארפען שטארבען אין דער מדבר. זיי האבען געזאגט: „עס איז ניטא קיין ברויט און מיר האבען ניט קיין וואסער, מיר פאראכטען די גרינגע שפייז מן".

די בני ישראל זיינען געווען אין דעם מדבר און האבען זיך געשפייזט מיט דעם מן פערציג יאהר. עס האט זיי אויסגעפעלט וואסער. זיי האבען קיין אנדער שפייז ניט געהאט, ווי מן, און זיי האבען זיך לאנג דערמיט ערנעהרט, ביז יעדערער האט עס פארהאסט. אונטער אזעלכע אומשטענדען האבען זיי זיך בא־קלאגט פאר משה'ן. ווען גאט איז אלמעכטיג, האט ער זיי דאך גאר אהן שוועריגקייט געקענט געבען דריי פארשידענע געריכטען טעגליך: פלייש, גרינס א. א. וו. שאדע, וואס ער האט דאס ניט געטאן. עס איז אבער א פארדרוס, ווען מיר לעזען, דאס ער איז זעהר בייז געווארען, פארוואס די בני ישראל האבען זיך באקלאגט טאג־טעגליך, דאס זיי האבען קיין אנדער געריכט ניט געהאט ווי מן. איהם איז קיין וואונדער ניט, דאס זיי האבען געטאן זייער מעגליכסטע מיט דעם מן, זיי האבען עס געקאכט פארשידענאר־טיג, ביז עס איז געקומען אזוי ווייט, דאס זיי האבען אויף דעם ניט געקענט מעהר קוקען און האבען געבעטען משה'ן, ער זאל ווירקען ביי גאט, דאס די שפייז זאל אומגעביטען ווערען.

איך דיינק, דאס אזא פארלאנג איז געווען א גערעכטער און פארשטענדיגער. אבער ווי דער אל מלא רחמים האט דאס דער־הערט, איז ער שרעקליך בייז געווארען, און אנשטאט זייער פאר־לאנג צו באפרידיגען, האט ער אנגעשיקט בייסענדע שלאנגען אויף

די, וועלכע ער האָט פאַרשפּראָכען צו געבען אַ לאַנד, וואָס פליסט מילך און האָניג.

נאָך אַן ערצעהלונג גיבט עס אין „עלפטען קאַפּיטעל „במדבר", דאָס די בני ישראל האָבען זיך באַקלאָגט וועגען זייער שפּייז, זיי האָבען זיך דערמאָנט אָן די אוגערקעס, ציבעלעס, קנאָבעל און נאָך אַנדערעס, וואָס זיי האָבען געגעסען אין מצרים, און האָבען געפאָדערט פון משה'ן, ער זאָל זיי געבען פלייש. און משה האָט זיך באַקלאָגט פאַר גאָט, פאַרוואָס ער גיט ניט אַכטונג אויף דיזער מענגע מענשען. און גאָט האָט איינגעוויליגט, דאָס זיי זאָלען האָבען פלייש און ניט נאָר פאַר אַ טאָג אָדער צוויי, זאָנדערן פאַר אַ גאַנצען מאָנאַט, ביז וואַנען זיי וועלען עס מעהר ניט קענען פאַרטראָגען און וועלען עס אויסברעכען. און גאָט האָט פאַרורזאַכט אַ ווינט, וועלכער האָט געבראַכט פיעל פויגלען, וועלכע זיינען אַראָפּגעפאַלען אַרום דעם אידישען לאַגער און האָבען פאַרשפּרייט מיט זיך אַ שטרעקע לאַנד, וואָס געדויערט אַ טאָג רייזע. די בני ישראל האָבען עס אויפגעקליבען און איידער זיי האָבען עס באַוויזען צו עסען, איז גאָט ווידער בייז געוואָרען, ער האָט אַנגעשיקט אויף זיי אַ פּעסט און טויזענדע פון זיי זיינען אומגעקומען פאַר דער איינציגער זינד, וואָס זיי זיינען געוועזען הונגעריג.

משה זאָגט אונז אויך, דאָס די קליידער פון די בני ישראל זיינען ניט אַלט געוואָרען און דאָס זייערע שיך האָבען זיך ניט אויסגעניצט די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געוועזען אין דעם מדבר. מען זאָגט, דאָס מלאכים האָבען פאַרריכט די קליידער און האָבען געלאַטעט זייערע שיך, אָבער ווי דאָס זאָל ניט האָבען פּאַסירט, די ביבעל באַשטעטיגט, אַז זיי האָבען דאָס געטראָגען די גאַנצע פערציג יאָהר. קליינע קינדער, וועלכע האָבען אָנגעטאָן די ערשטע קליידער, זיינען דורך דער צייט געוואַקסען, און זייערע קליידער האָבען געוווים מיט זיי מיטגעוואַקסען.

איז עס טאַקי נויטיג צו גלויבען אין אַזעלכע באָבע־מעשיות? קען דען אַזאַ גלויבען מאַכען די מענשהייט בעסער? זיכערליך, אַזאַ גרויסער גאָט האָט געקענט גאַנץ גרינג אַריבערברייינגען זיינע קינדער אין איין מינוט פון מצרים נאָך דער הייליגער לאַנד! וואָס פאַר אַ ווערדע האָט ביי גאָט די וויטקייט? זיכערליך, דער גאָט, וואָס האָט גאַנץ ארץ ישראל אונטערגעוויקעלט אונטער דעם קליי־

נעם שטיין פון יעקב'ס צוקאפען, האט געקענט גאנץ גרינג פאר־קירצען דעם מדבר, דאס זיינע אויסערוועהלטע קינדער זאלען פאר־שפארען אזוי פיעל צו ליידען. איך זעה ניט איין די נויטווענדיג־קייט פאר גאט צו שאפען טויזענדע נסים טאג־טעגליך פאר פער־ציג יאהר, אויפצופאסען אויף די קליידער פון מיליאנען מענ־שען, אוועקצונעהמען די אייגענשאפט פון לייווענד, וואל און לע־דער, זיי זאלען זיך ניט אויסניצען. יעדע באוועגונג, יעדער טריט האט אפגענוצט א טייל פון די קליידער און שיך. ווי איז עס גע־שעהן? האט זיי גאט פון צייט צו צייט פארריכט אדער ער האט פאר דיזער צייט אומגעביטען די אייגענשאפט פון מאטעריע, אום זיי זאלען זיך ניט אויסניצען? מיר ווייסען, דאס ווען איין מא־טעריע קומט אין באריהרונג מיט דער צווייטער, פאלען אפ אטא־מען דורך דער באריהרונג. זיינען די אלע אטאמען אויפגעקלי־בען געווארען אלע נאכט פון מלאכים און צוריק ארויפגעלייגט גע־ווארען אויף די אפגעריבענע פארעשוועס פון די שיך אדער די קליידער, אום זיי זאלען אין דער פריה ווידער גאנץ זיין? איך בין מיט דער מיינונג, דאס די באהויפטונג האט זיך ארויפגעגליטשט פון משה'ס צונג.

קענען מיר גלויבען, דאס גאט, אויב עס גיבט אזעלכער, זאל פאראורטיילען א מענשען צום טויט נאר פאר'ן נאכמאכען האר־אויל אדער זאלב? (כי תשא ל', ל"ח). אין דעם זעלבען קאפי־טעל דערצעהלט משה, אז גאט האט איהם געהייסען נעהמען בשמים און מאכען שמן זית, מיט וועלכען צו באשמירען דעם אוהל מועד מיט אלעס, וואס געפינט זיך דארט. אויך אהרן און זיינע זיהן זאלען דערמיט באשמירט ווערען. ער האט אויך אנגעזאגט, אויב ווער עס איז וועט נאכמאכען די פאטענטירטע אויל, אדער דאס זאלב אויפשמירען אויף א פרעמדען, זאל אזא זינדיגער פארטיליגט ווערען פון פאלק. ווייטער אין דעם זעלבען קאפיטעל דערצעהלט ער אונז, אז גאט האט איהם געגעבען נאך א רעצעפט, ווי צו מאכען נאך א סארט פארפיום, און האט אויך אנ־געזאגט, אז ווער עס וועט דאס נאכמאכען, זאל ווערען פארטיליגט פון זיין פאלק. דער גאנצער באפעהל שיינט מיר צו זיין אזוי אומפארשטענדליך, אז איך קען עס גאר ניט גלויבען. פארוואס זאל דער הייליגער טאטע זארגען, אויב יעמאנד וועט נאכמאכען

זיין פּאַרפיום, זאַלב און אויל, פּאַרוואָס זאָל דער באַרעמהערציגער פּאָטער סטראַשען מיט'ן טויט דעם יעניגען פּריסט, וועלכער וועט צוגעהן צו זיין אַלטאַר מיט ניט־געוואַשענע הענד און פיס. די באַפעהלען און שטראָפען וואָלטען פּאַרשעמט דעם גרעסטען טיראַן. וועלכער איז ווען־עס־איז געזעהן געוואָרען אויף א טראָן. דאָס מוז זיין א טעות, איך קען ניט גלויבען, אז א גאָט איז ערשינען אויפ'ן בארג סיני און האָט געהאַט מיט זיך צייכנונגען, ווי צו מאַכען דעם ארון מיט אַלע זיינע מאַכערייען. איך קען ניט גלויבען, דאָס גאָט האָט משה'ן געגעבען א פּאַסאָן, ווי צו מאַכען רעק פאר אהרן און זיינע זיהן. ווי אזוי קען זיך גאָט טראַבלען איבער אזעלכע קלייניגקייטען? וואָס קען עס איהם אינטערעסירען ווי אזוי די סנעפּ'אין די רעק וועלען ווערען איינגעניים און פון וועלכען קאָליר די באַפּוצונג וועט זיין?

קען מיר ווער־עס־איז ערקלערען, צו וואָס האָט גאָט אָנגעזאָגט די אידען, ווען זיי זיינען געווען ביי דעם בארג סיני, דאָס זיי זאָלען פּלאַנצען בוימער און זאָלען ניט עסען פון זיי ביז נאָך דעם פערטען יאָהר? בוימער האָט מען ניט געקענט פּלאַנצען אין דעם מדבר; ווען זיי וואָלטען די בוימער געפּלאַנצט, וואָלט עס ניט געקענט וואַקסען. צו וואָס האָט גאָט געזאָגט משה'ן, אז ער זאָל מאַכען פּאַרהאַנגען פון לייוועווענד? פון וואַנען האָט משה געקענט קריגען פלאַקס? ער האָט ניט געהאַט קיין לאַנד, וואו דאָס זאָל וואַקסען. ער האָט איהם געהייסען מאַכען פּאַרשידענע זאַכען פון גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער. פון וואַנען האָט ער עס גענזאָלט נעהמען? עס איז נאָר דאָ איין ענטפער און דאָס איז: דאָס די חמשה חומשי תורה זיינען געשריבען געוואָרען מיט הונדערטע יאָהרען נאָך דעם, ווי די אידען האָבען געוואוינט אין ארץ ישראל, און הונדערטע יאָהרען נאָך דעם, ווען משה איז שוין געווען אש און שטויב.

ווען די אידען האָבען געהאַט א געשריבענע שפּראַך, און דאָס האָט געמוזט זיין זעהר לאַנג נאָך יציאת מצרים, האָבען זיי געשריבען זייער היסטאָריע און געזעצען. טראַדיציאָן האָט אָנגעפילט די נאַציאָן מיט נסים. פּאַטריאַטיזם האָט ניט ערלויבט צו האַלטען די וואונדער פאַר א קלייניגקייט, און די גאַטס סטראַפּ־טשעס, האָבען אונטערשטיצט די איינבילדונגען. עס זיינען געווען

טראדיציאנען, דאס גאט האט גערעדט צו משה'ן פנים אל פנים. דאס ער האט איהם געגעבען די צעהן געבאט און דאס דורך טוי־זענדע ארטען האט ער משה'ן געגעבען צו וויסען זיין פארלאנג. ווען די רבנים האבען געוואלט מאכען נייע געזעצע אדער פארריכ־טען אלטע, האבען זיי דאס פאלק איינגערעדט, דאס זיי האבען גע־פונען נאך זאכען, ווענען וואס גאט האט גערעדט צו משה'ן פון בארג סיני. אויף אזא ארט און וועיזע האבען זיי געקענט קריגען די געהארכזאמקייט פון פאלק. נאר א קליינער צאל מענשען האָ־בען געקענט לעזען, און אזוי האבען די רבנים געקענט צוצושרייבען און אפמעקען, וואס זיי האבען אליין געוואלט, און ווי עס איז פאר זיי בעסער געוועז. אויף דעם ארט קענען מיר פארשטעהן, ווי אזוי משה רעדט פון פארשידענע זאכען, פון וועלכע מען האט גארניט געוואוסט, און וועלכע האבען ניט עקזיסטירט ביז הונדערטע יאה־רען נאך זיין טויט.

אין שמות זאגט מען אונז, דאס גאט האט געזאגט צו משה'ן, אז דו וועסט וועלען צעהלען דעם צאהל פון די בני ישראל, זאלסט דו זיי ניט ציילען מענשענווייז, נאר יעדער פון זיי זאל געבען א האלבען שקל נאך דעם שקל־הקדש, מחצית השקל בשקל הקדש. אין יענער צייט האט אזעלכע געלד ניט עקזיסטירט. און, שלימ־ליך, האט די ערצעהלונג ניט געקענט געשריבען ווערען פון משה'ן, ווייל עס איז ניט געוועז קיין שקל הקדש ביז נאך זיין טויט. ווען צום ביישפיעל, מיר לעזען, דאס צעזאר האט געצאלט די רומישע סאלדאטען אין פונטען, שילינגס און פענס, וואלטען מיר מיט זי־כערהייט געקענט זאגען, דאס די ערצעהלונג איז ניט געשריבען גע־ווארען פון צעזאר'ן און ניט אין זיין צייט, זאנדערן אין דער צייט, ווען די ענגלענדער, אלס נאציאן, האבען געגעבען נעמען צו זייערע געלדער.

מיר געפינען אויך א באפעהל צו ברייננען א קרבן חטאת, ווען די פרוי וועט אנטבונדען ווערען מיט א קינד. די, וואס פארמעגען, זאלען ברייננען א שאף, און די ארימע — א פאר טויבען, און דאס זאל אפגעגעבען ווערען צום כהן, וועלכער זאל עס מקריב זיין און אויפעסען ביי דעם אוהל־מועד. ווען דאס איז געזאגט געווארען, זיינען געוועזן ביז דריי מיליאן מענשען און נאר דריי כהנים, אהרן מיט זיינע זיהן. פון די דריי מיליאן מענשען מוזען אמ־

וויניגסטענס געבוירען ווערען דריי הונדערט קינדער טעגליך. זיכערליך, מען קען ניט פארלאנגען פון אונז צו גלויבען, אז דריי כהנים האבען געקענט אויפעסען זעקס הונדערט טויבען א טאג. און פארוואס זאל א פרוי זינדיג ווערען דורך איהר אנטבינדונג? איז עס ווירקליך א זינד צו האבען א קינד? פארוואס זאל עס זיין אנערקענט ביי גאט פאר א זינד אין ויקרא, ווערענד אין בראשית האט ער זיי געבענשט, זיי זאלען זיך מעהרען. „פרו ורבו ומלאו את הארץ". פארוואס זאל א מוטער ווערען ערקלערט פאר אומריין און זינדיג? פארוואס זאל די געבורט פון א טאכטער זיין א צווייפאכע זינד, ווי דער געבוירען פון א זוהן? קענען מיר דאס גלויבען, דאס אזעלכע געזעצע זיינען געמאכט געווארען פון א גוטען און פארשטענדיגען גאט? גיבט נאך וואס אין דער וועלט מעהר ליבליך און אנגענעהם פאר א מוטער, ווי צו האלטען איהר קינד אין איהרע ארמס? און ביי גאט איז זי אנערקענט פאר א זינדיגע! לעזט ויקרא י"ב, וועט איהר זעהן, דאס ווען א מוטער האט געבוירען א זוהן, איז זי געווען ערקלערט פאר אומריין פערציג טעג, און ווען זי האט געבוירען א טאכטער, — אכציג טעג. אין דער צייט איז זי געווען אויסגעוויזען פון הייליגטום, „בכל קדש לא תגע". די געזעצען זיינען געמאכט געווארען פון בארבארען און דארפען אלעם אזעלכע פארשטאנען און געאכטעט ווערען. ווי בארבאריש דאס זאל ניט זיין, איז נאך דער פינפטער קאפיטעל אין „במדבר־נשא" ה' פיעל בארבארישער און גרויזאמער. מיר ריידען פון דער באהאנדלונג פון א פארדעכטיגער פרוי, די אויפיהרונג מיט מים המאררים און דעם רעזולטאט דערפון. יעדען רעכטדענקענדען מענשען דארף ווערען פאראכטליך אזא גאט, וועלכער קען זיך באנוצען מיט אזעלכע בארבארישע מיטלען.

איך קען ניט גלויבען, דאס משה האט געהאט אין זיינע הענד די צוויי שטיינער, אויף וועלכע גאט האט אנגעשריבען די צעהן געבאט. און דאס, ווען ער האט דערזעהן די גאלדענע קאלב און די בני ישראל טאנצענדיג, האט ער זיי אראפגעווארפען אויף דער ערד און זיי צובראכען אויף שטיקער. איך גלויב אויך ניט, אז משה האט די גאלדענע קאלב פארברענט, האט עס צוריבען צו אש און האט געמאכט די בני ישראל טרינקען דאס וואַער (שמות ל"ב).

עס גיבט נאך אן אנדער ערציילונג אין חומש, וועגען דעם גע־

בען פון די צעהן געבאָט צו משה'ן (שמות י"ט, כ'). אין דיזער ערצעהלונג איז קיין וואָרט ניט עראינערט פון דעם עגל הזהב, אדער וועגען דעם, וואָס משה האָט צובראָכען די שני לוחות. אין ל"ד שמות איז ווידער עראינערט, דאָס משה האָט געמאַכט די לוחות נאָך גאָט'ס געבאָט, אָבער די געבאָטען זיינען שוין ניט די זעלבע ווי אין שמות כ'. ביידע צוזאַמען קענען ניט זיין ריכטיג, און דאָך פאַרלאַנגט מען פון אונז צו גלויבען. דער יעניגער, וואָס וויל זיך נעהמען צייט צו לעזען די קאַפּיטלען י"ט און כ' און די לעצטע פסוקים ל"א, ל"ב, ל"ג און ל"ד פון שמות, וועט מוזען צוגעבען, אז ביידע ערצעהלונגען קענען ניט זיין ריכטיג.

פון קאַפּיטעל ל"ב לערנען מיר, דאָס ווען משה איז געוועזען אויף'ן באַרג סיני צו קריגען די צעהן געבאָט פון גאָט, האָבען די בני ישראל געבראַכט זייער געלד צו אהרן און ער האָט געמאַכט דערפון א גאָלדענע קאַלב. דאָס האָט פּאַסירט נאָך איידער גאָט האָט עטוואָס געזאָגט אָדער פאַרבאָטען די בני ישראל געגען גע-צענדינסט. א גאָט דאַרף אַמווייניגסטענס באַקאַנט מאַכען זיינע געזעצען, איידער ער באַשטראָפט מענשען. פאַרוואָס זיי ברעכען די געזעצען. צו באַשטראָפען מענשען פאַר'ן ברעכען א געזעץ, פון וועלכען זיי ווייסען ניט, איז שלעכט און אומגערעכט. אין אַלע צי-וויליזירטע לענדער ווערען געמאַכט געזעצען; זיי ווערען באַקאַנט געמאַכט צו אַלעמען, און אין דער זעלבער צייט גיט מען אויך צו וויסען די שטראָפען פאַר'ן פאַרברעכען דיזעלבע. ווען די צעהן געבאָט זיינען געגעבען געוואָרען, איז א וואָרט ניט געזאָגט געוואָ-רען פון א שטראָף, וועלכע ערוואַרטעט דעם, וואָס וועט ניט פאָלגען דעם געבאָט. מענשען דאַרפען ניט באַשטראָפט ווערען פאַר'ן ברע-כען א געזעץ, פון וועלכען זיי ווייסען ניט. און דאָך געפינען מיר דאָס משה האָט אין גאָט'ס נאָמען געהייסען די בני לוי צו נעהמען זייערע שווערדען און הרג'ענען, יעדערער זיין ברודער, זיין פריינד און זיין קרוב. דער ברוטאַלער באַפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָ-רען, ווי משה האָט אָנגעזאָגט, און דריי טויזענד מענשען זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען, ווי משה האָט אָנגעזאָגט, כי תשא כ"ח. די בני לוי האָבען זיך הייליג געמאַכט פאַר גאָט מיט דעם. וואָס זיי האָבען אויסגע'הרג'עט זייערע ברידער און קרובים פאַר'ן ברע-כען א דין, נאָך איידער ער איז זיי געגעבען געוואָרען.

א גאנץ לאנגע צייט האט מען אונז איינגערעדט, דאס די צעהן געבאט זיינען דער פונדאמענט פון גערעכטיגקייט און געזעץ, דאס זיי זיינען דער ווארצעל, פון וואנען עס וואקסען ארויס די אידעען פון גערעכטיגקייט. דיזע באהויפטונגען זיינען פאלש. נאך מיט טויזענדע יאהרען איידער משה איז געבוירען געווארען, האבען שוין די מצריים געהאט געזעצען געגען גאט־לעסטערונג א. א. וו.

איז עס ניט וואונדערבאר, דאס דער גאט, וועלכער האט גע־געבען פארשידענארטיגע באפעהלען, ווי אזוי אויסצוגעפינען די, וואס ליידען פון קרעץ און ווי צו רייניגען דעם קראנקען, ווען ער ווערט געזונד, האט אין דער זעלבער צייט פארגעסען געבען א רע־צעפט, ווי דעם קראנקען צו היילען. איז עס ניט וואונדערבאר, דאס דער זעלבער גאט, וועלכער האט אנגעזאגט זיין אויסערוויילטעם פאלק, וועלכע בהמות צו עסען, האט זיי אין דער זעלבער צייט ניט געזאגט, וועלכע קרייטיכער זיי מעגען עסען און וועלכע ניט. פארוואס האט ער עס איבערגעלאזען פאר זייערע קינדער דורך ער־פארונג אויסצוגעפינען, וועלכע זיינען גיפטיג און וועלכע ניט, ווי־סענדיג אין דער זעלבער צייט, דאס אין מיליאנען פאלען האבען די ערפארונגען געקאסט מיליאנען מענשען־לעבענס.

ווען איך לעז די היסטאריע פון דער אידישער נאציאן, ווי זיי זיינען אנטלאפען פון שקלאפעריי צו א זיכערען טויט אין דעם מדבר, ווי זיי האבען אויסגעביטען פון איין טיראן אויף דעם אנדע־רען, דאן זאג איך עפענטליך, דאס מיין גאנצע סימפאטיע איז מיט זיי, זיי זיינען געווארען באשווינדעלט, פארנארט און באטראגען. זייער גאט איז געוועזען ברוטאליש שלעכט, א גאט פון ראכע און בא־טרוג. ער האט געהאלטען אין איין צוזאגען און האט קיינמאל ניט זייןווארט געהאלטען. ער האט צייט פארבראכט אין צערעמאַ־ניעס, אין איבערטרייבונגען פון אלעס, וואס ער האט געטאן. עס איז אוממעגליך צו דיינקען פון א וועזען, וועלכער איז מעהר פאר־אכטליך פאר מיר ווי דער אידישער גאט. ער האט צוגעזאגט די אידען ארויסצונעהמען זיי פון מצרים און זיי ברייננען אין א לאנד, וואס פליסט מיט מילך און האניג. ער האט זיי געמאכט גלויבען, דאס אין א קורצער צייט וועלען זייערע שמערצען זיין פארביי און דאס ער וועט זיי ברייננען, אין דעם לאנד כנען און דארטען, ארומגערינגעלט פון זייערע ווייבער און קינדער, וועלען

זיי זיך פארגעסען די צרות און טרעהרען פון מצרים. צוזאגענדיג זיי דאס עטליבע מאל, דאס ער וועט זיי זיכער ברייננען אין דער צוגעזאגטער לאנד פון גליק, האט ער פונדעסטוועגען פארגעסען זיין צוזאג. און וואס האט ער געזאגט צו די אומגליקליכע, וואס ער האט געהאט אין זיין מאכט? אייערע קערפער וועלען פאלען אין דעם מדבר, און אייערע קינדער וועלען וואנדערען ביז וואנען אייערע קערפערס וועלען ווערען צונישט. דער פלוך איז געווען די ענדע פון דער געשיכטע, און אין שטויב פון טויט און נאכט זיינען פארוועלקט געווארען אלע צוזאגען פון גאט. מיליאנען קערפער זיי־נען געבליבען ליגען צו פוילען אין דעם מדבר און יעדער קערפער זאגט עדות פאר דער ניט־עהרליכקייט פון גאט. עס איז אומעג־ליך פאר מיר דאס אלעס צו גלויבען. דאס אלעס איז אזוי באר־באריש, אזוי הארצלאז, דאס עס מאכט מיין בלוט קאלט און עס רעגט אויף מיין פארשטאנד פון גערעכטיגקייט. א בוך, וועלכעס איז דערווידער מיין פארשטאנד און הארצען, קען ניט אנגענומען ווע־רען פון מיר אלס גאט'ס ווארט.

ווען מיר דיינקען פון די ארעמע אידען, צושטערט, געמאר־דעט, געביסען פון שלאנגען, געפאלען אין מגפות, פארדארט פון הונגער, אויסגעשלאכטעט איינער פון אנדערען, איינגעשלונגען אין דער ערד, געשראקען, געשאלטען, געהונגערט, גענארט, גענאבירט, און ווי דאנקבאר דארפען מיר זיין, דאס מיר זיינען די אויסדער־ווייילטע פאלק פון גאט — איז עס קיין וואונדער ניט, דאס זיי הא־בען געביינקט נאך דער שקלאפעריי פון מצרים און האבען באוויינט דעם אומגליקליכען טאג, ווען זיי האבען אויסגעביטען זייער מייס־טער. ווען מיר פארגלייכען פרעה'ן צו גאט, מוזען מיר זאגען, דאס פרעה איז געווען א וואוילטעטיגער, און די שקלאפעריי פון מצרים איז געווען פרייהייט, פארהעלטניסמעסיג צו דער טיראניי, וואס זיי האבען אויסגעליטען פון זייער גאט.

ווען איך לעז די חמשה חומשי תורה, ווער איך אנגעפילט מיט פראטעסט, רחמנות און שרעק. עס גיבט גאר ניט עטוואס שרעק־ליכערעס, ווי די היסטאריע פון די אויסגעהונגערטע, אומגליקליכע וואנדערער, וואס האבען געוואנדערט דורך דער ווילדערניס, זייענ־דיג די אפפער פון הונגער, שווערד און מגפה, אומוויסענד און אבערגלויבעריש, באהערשט פון פאלשקייט, געפלינדערט פון הי־

פאקריטען. זיי זיינען געווען צום צייט־פארטרייב און שפילצייג פון פריסטער, און אפפער פון פורכט. גאט וואר זייער גרעסטער פיינד און דער טויט — זייער איינציגער פריינד.

עס איז אוממעגליך צו דיינקען פון א מעהר העסליכען און ווידערליכען וועזען, ווי דער אידישער גאט. אין דער מיטאלאגיע פון דער וועלט האט ער ניט זיין גלייכען. ער ווערט קיינמאל ניט געריהרט פון שמערצען און טרעהרען. ער האט פארגעניגען פון בלוט און שמערצען. מענשליכע ליבע איז א ניכטס ביי איהם. א פאלשער פריינד, אן אומגערעכטער ריכטער, א היפאקריט און א טיראן, דורכגעדרונגען פון האס, פארדריסליך און פול מיט ראכע. פאלש אין זיין צוזאגען, עהרליך אין פלוך; פארדעכטליך, אומ־וויסענד און בייט זיין ווארט — דאס איז דער גאט פון תורת משה.

הייליגע שקלאפעריי.

הייליגע שקלאפעריי

די ביבעל איז אויך דורכגעדרונגען פון גאט'ס גייסט איבער דעם פונקט פון מענשליכער שקלאפעריי. גיבט עס נאך איצט א פריסט אדער א רב, וועלכער גלויבט אין דער געטליכקייט פון שקלאפעריי? לערנט די ביבעל דעם מענשען צו פארשקלאפען זיין ברודער? אויב דער חומש לערנט עס יא, איז עס ניט א גאט־לעסטערונג צו זאגען, אז דאס איז דער באפעהל פון גאט? ווען איהר געפינט אין א בוך, וואס איז דורכגעדרונגען פון גאט, א באַ־פעהל צו פארשקלאפען א מענשען, וואס קען איהם שוין ערוואר־טען פון א בוך, וועלכער איז געשריבען און באגייסטערט געווארען פון טייפעל?

די מאדערנע קריסטען, שעהמענדיג זיך מיט דעם גאט פון אלטען טעסטאמענט, סטארען זיי זיך אויפצואווייזען, אז גאט איז ניט געווען פאר אדער געגען שקלאפעריי. זאל ריידען דער חומש פאר זיך אליין. אין ויקרא כ"ה לעזען מיר: וגם מבני התשבים הגרים עמכם מהם תקנו, דאס הייסט, און פון די קינדער פון די גרים, וועלכע וואוינען צווישען אייך, פון זיי זאלט איהר קויפען און פון זייערע פאמיליעס, וועלכע זיינען מיט אייך, און וועלכע זיי האבען געבוירען אין אייער לאנד זאל זיין אייער אייגענטום. והתנחלתם אותם לבניכם אחריכם לרשת, און איהר זאלט זיי איי־

בערלאָזען צו אייערע קינדער נאָך אייך אלס ירושה, אלס זייער איי־
גענטום אויף אייביג. אייערע מענער און פרויען־שקלאַפען זאָלען
ביי אייך זיין פון די פעלקער, וואָס זיינען ארום אייך, פון זיי זאָלט
איהר קויפען אַ קנעכט און אַ דינסט, מאת הגוים אשר סביבותיכם
מהם תקנו עבד ואמה.

קענען מיר איצט אין דעם 19טען יאָהרהונדערט גלויבען, אַז
דיזע שענדליכע באַפעהלען זיינען גענעבען געוואָרען פון גאָט?
דאָס, נאָך ווייניג, וואָס ער איז געווען פאַר שקלאַפעריי, האָט ער
אָנגעזאָגט זיינע „אתה בחרתנו'קעס", זיי זאָלען קויפען די מע־
נער, פרויען און קינדער פון די פעלקער, וואָס וואוינען ארום זיי.
אַז עס איז רעכט געווען פאַר די בני ישראל צו קויפען, איז עס
רעכט געווען פאַר די פעלקער צו פאַרקויפען. דער גאָט, וועלכער
האָט אָנגעזאָגט די בני ישראל צו קויפען, האָט געגעבען זיין הסכמה,
אַז מען מעג פאַרקויפען זיהן און טעכטער. די כנענים, אַנגערייצט
פון גאָלד, פאַרפיהרט פון גנבה'שע שמד'שטיק, האָבען פאַרקויפט
פון די מוטערס' אָרעמס די אומשולדיגע עופ'עלעך. אויב גאָט
איז דער פאַרפאַסער פון חומש, דאַרפען זיינע באַפעהלען איהם
מאַכען רויט פון שאַנדע. איך פרעג ביי די מענשען פון דעם
19טען יאָהרהונדערט, איז עס רעכט געווען פון די מענשען צו
פאַרקויפען זייערע קינדער? אָדער איז עס רעכט געווען פון גאָט
צו ערלויבען די בני ישראל דעם שענדליכען האַנדעל פון מענשלי־
כע בלוט און פלייש? קען דען דער ערגסטער טייפעל, דער פאַר־
דאָרבענסטער וואַגאַבונד זינקען צו אַ נידריגערען מאָראַלען אָפּ־
גרונד ווי דאָס.

לויט נאָך דיזען גאָט, זיינען זיינע אויסערוויילטע קינדער ניט
נאָר געווען אָנגעזאָגט צו קויפען פון די פעלקער, וואָס וואוינען
ארום זיי, נאָר עס איז זיי אויך ערלויבט געווען צו קויפען איינער
דעם אַנדערען פאַר אַ באַשטימטע צייט. די ערלויבניש געפינען
מיר אין שמות כ"א: כי תקנה עבד עברי, אויב דו וועסט קויפען
אַ קנעכט, וואָס איז אַ עברי, זאָל ער ביי דיר דינען זעקס יאָהר,
און אויף דעם זיבעטען יאָהר זאָל ער אַרויסגעהן פריי אומזיסט.
אויב ער איז געקומען אַליין, זאָל ער אַרויסגעהן אַליין, אויב ער
האָט געהאַט אַ ווייב, זאָל ער אַרויסגעהן מיט זיין ווייב, און אויב
זיין מייסטער האָט איהם געגעבען אַ ווייב, און די ווייב האָט גע־

בוירען זיהן און טעכטער, זאָלען די ווייב און קינדער בלייבען ביי דעם הערר, און דער קנעכט זאָל נאָר אליין ארויס פריי. און אז דער קנעכט וועט זאָגען: איך האָב ליעב מיין הערר, מיין ווייב און מיינע קינדער, איך וויל ניט ארויסגעהן פריי, זאָל איהם זיין הערר ברייגגען צום בית־דין, ער זאָל איהם ברייגגען צום טיר און זאָל איהם בויערען זיין רעכטען אויער מיט אן אָהל, און ער זאָל איהם דינען אייביג.

גלויבט איהר, דאָס גאָט איז געווען דער פארפאסער פון די־זען העסליכען געזעץ? גלויבט איהר, דאָס דער ליבענדער פאָטער פון אונז אלעמען האָט פארשמידט די הענד פון אומשולדיגע קליי־נע קינדער? איז עס מעגליך צו ליבען א גאָט, וואָס מאכט אזעלכע געזעצען? איז עס מעגליך איהם ניט צו האסען און פארדאמען? לויט נאָך דער ביבעל, זיינען די פעלקער, וועלכע האָבען געוואוינט ארום די אידען, גאָר ניט גערעכענט פאר מענשען. פון זייערע רעכטע איז גאָר ניט דערמאָנט. זיי זיינען געווען די געזעצליכע שפייז פאר׳ן שווערד, זייערע קערפערס זיינען אזוי ווי געמאכט געוואָרען נאָר פאר שמיץ און קייטען.

אין דעם זעלבען קאפיטעל געפינען מיר, דאָס, ווען א מייס־טער וועט שלאָגען זיין קנעכט, זיין דינסטמויד מיט א שטעקען און ער וועט שטארבען אונטער זיינע הענד, זאָל ער ווערען באשטראָפט. אָבער אז דער עבד וועט נאָך בלייבען א טאָג אָדער צוויי לעבען, זאָל ער ניט באשטראָפט ווערען, ווייל ער איז זיין געלד, זיין איי־גענטום.

איז עס נויטיג צו גלויבען, אז גאָט האָט גערופען א טייל פון זיינע קינדער דאָס געלד פון אנדערע? איז עס מעגליך צו גלוי־בען, אז גאָט האָט געמאכט די שמיץ אויף דעם נאקעטען רוקען פון א שקלאָף פאר א געזעצליכע באלוינונג פאר ארבייט? דארפען מיר אויך באטראכטען דעם מארק־קלאָץ, וואו מען פלעגט פארקויפען די שקלאפען, פאר אן אלטאר? זיינען בלוט־הינד געווען אפּאָסטאָ־לען? זיינען די גנבים און שמייסער פון קינדער און פרויען גע־ווען די רעכטפערטיגע קינדער פון גאָט? מען באהויפּטעט איצט, דאָס ווען די חומשים האָבען אין זיך פלעצער, וועלכע זיינען פאר־בונדען מיט דער בארבאריי פון יענער צייט, איז אָבער דער נייער טעסטאמענט פאָלקאָם מאראליש און אויף זיינע בלעטער קענט

איהר קיין פלעק ניט געפינען; אבער אין דער ווירקליכקייט איז דער נייער טעסטאמענט נאך מעהר פאר מענשליכער שקלאפעריי ווי דער אלטער טעסטאמענט.

איך פערזענליך קען ניט פארעהרען און פארהייליגען א גאט, וועלכער איז פאר מענשליכער שקלאפעריי, אזא גאט האס איך און פארדאם. איך וויל ניט זיין אין הימעל און האב קיין פורכט ניט פאר זיין גהינום.

די הייליגקייט פון קריג

אויב די ביבלישע געשיכטען זיינען אמת, האט גאט אנגעזאגט די בני ישראל, זיי זאלען אויס'הרג'ענען די מענשען, וועלכע באגעהען די גרויסע זינד און פארטיידיגען זייער לאנד. דער באפעהל איז געווען זעהר שטרייננג. מען האט זיי אנגעזאגט קיינעם ניט צו שוינען: גרויע האר, אומשולדיגע קינדער אין די מוטער'ס שויס, זאגאר די אומגעבוירענע קינדער זאלען דורכגעשטאכען ווערען מיט'ן שווערד פון קריעג. אונזער הימלישער טאטע האט אנגעזאגט די בני ישראל צו מארדען די קריעגס-מענער, פרויען, פאטערס, זיהן און ברידער, אבער די מיידלאך זאלען זיי לאזען לעבען.

און צו וואס האט זיי גאט געהייסען לאזען לעבען?

לעזט במדבר ל"א, וועט איהר געפינען, אז די מיידלאך זיינען איבערגעגעבען געווארען צו די סאלדאטען און פריסטער. משה האט זאגאר זיך אנגעבייזערט אויף זיי, פארוואס זיי האבען די אומשולדיגע יונגע מיידלאך לעבען געלאזען. גיבט עס נאך אין דער היסטאריע פון קריעג א מעהר שרעקליכעס און נידערטרעכטיגעס בילד ווי דיזע?

איז עס מעגליך, דאס גאט האט ערלויבט די אומשולדיגע בלומען פון ריינליכקייט צו ווערען געטראטען מיט די פיס פון שמוציגע און ברוטאלע לוסט? אויב דאס איז געווען דער באפעהל פון גאט, וואס וואלטען מיר אונטער דיזעלבע אומשטונדען געקענט ערווארטען פון טייוועל? ווען א פרוי, א ווייב אדער א מוטער לעזט די ערצעהלונג, דארף זי מיט האס און פאראכטונג אוועקווארפען אזא בוך.

א גענעראל, וואלט איצט געגעבען אזא באפעהל צו זיינע

סאָלדאַטען און איבערגעבען צו מאָרד און געוואָלט אַ נאַציאָן, וואָלט פון דער גאַנצער וועלט באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ ווילדע בריאה. איצט, אויב די ביבעל זאָגט די וואַרהייט, קען מען דעם גרויסען און אַלמעכטיגען גאָט באַטראַכטען פאַר גאָר ניט אַנדערש, ווי אַ ווילדען.

מיט אַ קורצער צייט צוריק, אין אַן ענגער בודקע, אין דער ווילדערניס, האָט מען געפונען די טויטע קערפּערס פון צוויי מיידלעך און זייער מוטער. זייערע בריסט זיינען געווען דורכגעלעכערט פון די שטעך. זיי האָבען פאַרטיידיגט זייער אומשולד.

ווען יעמאַנד וואָלט אייך געזאָגט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען אין גאָט'ס נאָמען, און דאָס אין כנען האָט מען געזעהן טויזענדע אַזעלכע בילדער, וואָס וואָלט געווען אייער מיינונג?

עס האָט קיין מיטלייד געגעבען אין גאָט'ס מלחמות. גאָט האָט אויפגעהויבען זיין שווארצע פאָהן און האָט געהייסען זיינע סאָלדאַטען מאָרדען זאָגאַר די קליינע קינדער אין זייערע מוטערס־אָרמס. ווער איז איצט דער גאָט־לעסטערער? דער יעניגער, וואָס פאַרלייקענט זיין עקזיסטענץ, אָדער דער, וואָס פאַרפלעקט די קליידער פון גאָט מיט די בלוט פון אומשולדיגע קינדער?

מען זאָגט אונז אין חומש, דאָס גאָט, דער פאָטער פון אַלעמען, נאָכדעם, ווי ער האָט געהייסען אויסשלאַכטען די טאַטעס, מאַמעס און ברידער פון די אומשולדיגע מיידלעך, און די לעבען־געבליבענע מיידלעך האָט מען איבערגעגעבען די סאָלדאַטען צום באַפרידיגונג פון זייער ווילדען לוסט. אויב עס איז דאָ אַ גאָט, בעט איך איהם איינצושרייבען אין זיין בוך לעבען מיין נאָמען, דאָס איך האָב אָפּגעשטריטען דעם ליגען פון זיינטוועגען.

די געטליכע רעליגיאָנס פרייהייט

ווי דער חומש דערצעהלט אונז, האָט גאָט אויסערוויילט די בני ישראל אַלס דאָס איינציגע פאָלק,דורך וועלכע באַקאַנט צו מאַכען, דאָס ער איז דער איינציגער און ריכטיגער גאָט. אום זיין צוועק צו ערגרייכען, האָט ער זיך איינציגע מאָל באַוויזען צו משה'ן און ער האָט באַוויזען טויזענדע נסים, אום צו היטען און בילדען דאָס אידישע פאָלק. אין זייער געגענוואַרט האָט ער גע־ליעבסט ווי זיך אַליין, וועט דיך איינריידען בסתר, שטילערהייד,

שפאלטען דעם ים, צוליב זיי האט ער געמאכט ברויט רעגענען פון הימעל. אום זייער דורשט שטילען, האט ער געמאכט וואסער פליסען פון א הארטען טרוקענעם שטיין. זייערע פיינד האט ער דורך נסים פארניכטעט, און פערציג לאנגע יאהר האט ער זיך באשעפטיגט מיט רעגירען איבער די בני ישראל. אבער נאך די אלע נסים ונפלאות האבען זיי געהאט צו איהם וויניקער צוטרויען. ווי צו זייערע הילצערנע און שטיינערנע געטער. אין מאמענטען פון צרות, אין צייטען פון אומגליקען און פינסטערניש, פון צווייפעל און הונגער, רורשט און מגפה, אנשטאט צו בעטען גאט, האבען זיי זיך גיכער געווענדעט נאך הילף צו נארישע געגעשטענדע. דער גרויסער אלמעכטיגער גאט, מיט זיין גרויסער גבורה און קענטשאפט, האט זאגאר ניט געקענט איבערצייגען עטליכע האלב ווילדע וואנדערער, אז ער איז פיעל גרעסער און מעכטיגער, ווי די געטער פון מצרים.

גאט איז געווען גאנץ דאגעגען, אז די בני ישראל זאלען נאכפארשען און אונטערזוכען פאר זיך זעלבסט.

דער שטראף פאר ניט גלויבען איז געווען דער טויט. וואו גאט האט געהערשט, איז קיין פלאץ ניט געווען פאר זעלבסשטענדיגען דיינקען. ברוטאלע מאכט איז געווען זיין איינציגער מיטעל. ער האט געקליבען שטייערען, סטראשענדיג מיט א פעסט, ער האט פארזאגט, מען זאל בעטען און גלויבען; אז ניט, האט ער געשטאכען און געברענט, ער האט געהאנדעלט אלס א שפיאן, אינקוויזיטאר, ריכטער און הענקער.

אין י"ג דברים האבען מיר א שטיקעל באגריף פון גאט'ס אידעען איבער דער פרייהייט זעלבסשטענדיג צו דיינקען. נעהמט דעם פסוק ב': כי יקום בקרבך נביא, אז עס וועט אויפשטעהן צווישען אייך א נביא, וואס וועט אייך ווייזען פארשידענע צייכענס און וואונדער — ובא האות והמופת אשר דבר אליך, און די צייכענס און וואונדער וועלען זיין ריכטיג, און ער וועט דיך וועלען איינריידען, דו זאלסט דינען אנדערע געטער, והנביא ההוא יומת, זאלסט דו דעם נביא טויטען. און ווייטער: כי יסיתך אחך בן אמך, דברים ז', י"ג, אויב דיין ברודער אדער דיין אייגענער זוהן, דיין ווייב, דיין טאכטער אדער דיין פריינד, וואס דו נלכה ונעבדה אלהים אחרים, לאמיר דינען אנדערע געטער, וועלכע

דו קענסט ניט, געטער פון די פעלקער ארום דיר, ווייט פון דיר, פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער, זאָלסט דו ניט צוהערען און ניט פאָלגען, ולא תחום עינך עליו, זאָלסט דו איהם הרג'ענען (רש"י באמערקט נאָך דערצו, אז עס איז א מצוה איהם צו טויי־טען. — דער איבערזעצער). כי הרג תהרגנו ידך תהיה בו בראשונה להמיתו, דיין האַנד זאָל זיין די ערשטע איהם צו טויטען און נאָך דעם, די האַנד פון גאַנצען פאָלק און זאָלסט איהם פארשטיינען מיט שטיינער ביז ער איז טויט.

דאָס איז די רעליגיאָנס־פרייהייט פון גאָט, די טאָלעראַנץ פון דעם יהוה. ווען איך וואָלט געלעבט צו יענער צייט אין פּאַלעס־טינא, און מיין ווייב, די מוטער פון מיינע קינדער וואָלט געזאָגט צו מיר: דער אידישער גאָט איז מיר צואווידער געוואָרען, ער האַלט אין איין בעטען בלוט, ער ווערט קיינמאָל ניט מיעד מאָר־דענדיג, ער רעדט אימער פון זיין גבורה און מעכטיגקייט, אימער רעדט ער איבער אָס ער האָט געטאָן פאַר די אידען, אימער בעט ער קרבנות, טויבען, שעפּסען־בלוט און נאָר בלוט — לאָמיר בע־סער דיענען דער זון. גאָט האַלט אין איין ראַכע־נעהמען און פארלאַנגט צופיעל, לאָמיר ליבערסט בעטען צו דער זון. די זון פארפּוצט די וועלט מיט שיינקייט, זי האָט באַדעקט די ערד מיט בלומען; מיט דער הילף פון איהר שעהנער לופט, האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו קוקען אויף דיין געזיכט און אויף דאָס געזיכט פון אונזער שעהן קינד; ווען איך וואָלט געפאָלגט דעם באַפעהל פון גאָט, וואָלט איך איהר דער ערשטער געדאַרפט הרג'ענען, מיין האַנד וואָלט געדאַרפט זיין די ערשטע אויף איהר, און נאָכהער די הענד פון אַלע מענשען. זי וואָלט פארשטיינערט געוואָרען מיט שטיינער ביז זי וואָלט טויט געבליבען. איך פערזענליך וואָלט ניט געקענט טויטען מיין פרוי, ווען זאָגאַר הונדערט געטער וואָל־טען מיר עס געהייסען. דענקט נאָר פון אויפצוהויבען א שפּיז און אריינשטעכען איהם אין דער צאַרט־ווייסער ברוסט פון אייער פרוי, וועלכע איז אָנגעפילט מיט ליעבע צו אייך! און ווען איהר וועט זעהן פון די צוקאַליעטשעטע וואונדען שטראָמען די רויטע פלוס פון איהר זיסען לעבען, דיינקט פון אויפהויבען די אויגען צום הימעל צו באַקומען די באַגריסונג פון דעם אַלמעכטיגען טייפעל. וועמעס געבאָט איהר האָט ערפילט!

קענען מיר עס ווירקליך גלויבען, אז אזא געבאָט איז געגעבען געוואָרען פון א בארמהארציגען און פארשטענדליכען גאָט? לאָמיר אויף א ווײַלע צוגעבען, דאָס גאָט האָט יאָ געגעבען דאָס געבאָט צו די אידען און האָט זיי אָנגעזאָגט, דאָס ווען א מענש װעט פריידיגען און װעט זיי אײַנריידען, אז זיי זאָלען דינען אַן אנדער גאָט, זאָלען זיי איהם טויטען; און ווען, צום ביישפּיל, דער זעלבער גאָט האָט זיך פאר א קורצער צייט פארקליידעט אין מענשען־געשטאַלט און איז געקומען צו די זעלבע אידען און האָט צו זיי געפריידיגט א נייע רעליגיאָן און זיי האָבען איהם דערפאַר געקרייציגט, איך פרעג אייך, האָט ער ניט געשניטען דאָס, וואָס ער האָט אַליין פארזייט? וואָס פאר א רעכט האָט דער גאָט געהאָט זיך צו באַקלאָגען איבער דער קרייציגונג, ווען זיי האָבען געהאַנדעלט גראַדע נאָך זיין אייגענעם געבאָט?

עס גיבט גאָר ניט עטוואָס שענדליכערעס, ווי צו פארשקלאַפען די דיינקונגס פעהיגקייטען פון מענשען. אַנצוטאָן קייטען אויפ'ן קערפּער איז גאָרניט, אין פארגלייך מיט דעם אָנטאָן קייטען אויפ'ן מענשליכען מארך. קיין גאָט איז ניט בארעכטיגט צו פארלאַנגען די פארהייליגונג און רעספּעקט פון מענשען, ווען ער גיט ניט צו דעם נידריגסטען פון זיינע קינדער זאָגאָר די זעלבע רעכטע, וועלכע ער אַליין פארלאַנגט פאַר זיך.

אויב די חמשה חומשי תורה זיינען אמת, דאַן איז די רעליגיעזע פארפאָלגונג א פליכט. די פינסטערע קעלערען פון דער אינקוויזיציאָן זיינען געווען טעמפּעלס, און דאָס קלינגען פון די קייטען אויף די גלידער פון די ניט־גלויביגע איז געווען, ווי מוזיק אין די אויערען פון גאָט. אויב די תורה איז דורכגעדרונגען פון גאָט'ס גייסט, דאַרף יעדער ניט־גלויביגער ווערען פארניכטעט, און יעדער איינציגער, וואָס פריידיגט א ווארהייט, וואָס איז ניט איינשטימיג מיט דער תורה, דאַרף פארניכטעט ווערען דורכ'ן שווערד און פייער.

אין דער תורה איז פארבאָטען א וכיח צו האָבען מיט א ניט־גלויביגען, ניט איין אָרט איז געזאָגט געוואָרען, דאָס דער מענש זאָל זיך שטיצען אויף דיסקוסיאָנען, דעבאַטען, בילדונג און אַנטוויקלונג פון פארשטאַנד. מעהר ניט ווי ברוטאַלע מאכט זאָל אַנגעווענדעט ווערען געגען דעם ניט־גלויבען. גיט עס נאָך היינט

צו־טאָג אַ מענש, וועלכער זאָל צוגעבען, אַז מיט פיער טויזענד יאָהר צוריק איז געווען די פליכט פון מאַן צו טויטען זיין פרוי, ווען זיי זיינען ניט געווען איינשטימיג איבער רעליגיאָן? גיבט עס נאָך איצט איינער, וואָס וועט צוגעבען, דאָס ביי אַזעלכע אומ־שטענדען האָט דאָס דער מאַן גענאָרפט טאָן? פאַרוואָס זאָל גאָט זיין אַזוי אייפערזיכטיג אויף די הילצערנע געטער פון די געצענדינער, האָט ער ניט געקענט קעמפען געגען זיי? איז ער געווען אייפערזיכטיג פאַר דעם זיעג פון די עגיפּטישע מכשפים איבער זיינע קונץ־שטיק? איז עס ניט מעגליך געווען פאַר איהם צו שאַפען אַזאַ וואונדער, אַז ער זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל שטום מאַכען די מיילער פון די ניט־גלויביגע? אָבער מיר קליינע מענשעלאַך קענען ניט פאַרשטעהן די וועגען פון גאָט... זיין מי־טעל איז געווען ברוטאַלע מאַכט און מיט'ן קולאַק האָט ער געוואָלט מאַכען די מענשען גלויביג. דער גאָט איז געווען אומוויסענד אי־בער דעם געבוי פון מענשליכען פאַרשטאַנד און יעדע עהרליכע מיי־נונג און צווייפעל איז געווען אַ זינד אין זיינע אויגען.

אַז ער האָט געוואָלט אָוועקמאַכען מיט דער געצענדינעריי פון די פעלקער, וואָרום האָט ער זיך ניט באַוויזען צו זיי? וואָרום האָט ער זיי ניט געגעבען די צעהן געבאָט? פאַרוואָס האָט ער נאָר געמאַכט וויסען זיין ווילען צו איינינע ווילדע וואַנדערער ביי דעם באַרג סיני? וויל ווער פון די באַנקקוועטשער מיר דאָס פאַר־ענטפערען? וויל ווער עס איז פון זיי, וועלכע גלויבען יאָ אין רעליגיאָנס־פרייהייט און פאַרדאַמען די קאַטוילישע קירכע, מיר דאָס ערקלערען? ווילען זיי מיר אין דער זעלבער צייט ערקלע־רען, ווי אַזוי זיי אַליין גלויבען אין אַזאַ אומטאָלעראַנטען גאָט? איז דער גאָט, וואָס ברענט אַ נשמה אין אַן אַנדער וועלט בעסער פון אַ מענשען, וואָס ברענט אַ גוף אַ פּאָר שטונדען אין דער וועלט? גיבט עס קיין מיינונגס־פרייהייט אין הימעל? באַשפּרע־כען אַלע מלאכים אין הימעל אַ זאַך פון איין שטאַנדפּונקט? זיי־נען אַלע וויסענשאַפט־פאָרשער אין גהינום? וועט דער גנב, וואָס האָט תשובה געטאָן, קריגען פליגלען מיט אַ קרויען אויף יע־נער וועלט און וועט לאַכען פון אַלע די, וואָס האָבען עהרליך גע־דיינקט, האָבען באַנוצט זייער מאַרך און האָבען געהאַנדעלט נאָך זייערע עהרליכע איבערצייגונגען? וועלען די שמערצען פון די

פאראורטיילטע פארגרעסערען אדער פארקלענערען די צופרידענ־
הייט, גליקזעליגקייט פון גאט ?

* * *

אויב די תורה איז ניט דורכגעדרונגען פון גאט אין געאלאגיע, אסטראנאמיע, געאגראפיע, געשיכטע און פילאזאפיע, אויב עס איז ניט דורכגעדרונגען מיט הייליגקייט וועגען שקלאפעריי, קריעג, גע־זעץ, רעליגיעזע און פאליטישע פרייהייט, און מענשען־רעכט — אין וואס איז עס יא דורכגעדרונגען פון גאט ? די פאלקאמענהייט פון גאט ? אין דעם האט מען שוין געגלויבט נאך איידער משה איז געבוירען געווארען. אין גאט׳ס השגחה ? דאס איז געווען די איינבילדונג פון אומוויסענהייט אין אלע צייטען. דאס רעכט פון אייגענטום ? גנבה איז אלע מאל געווען באטראכט פאר א פארברעכען. אין מקריב זיין קרבנות ? — דאס איז שוין גע־ווען א מנהג נאך איידער א איד האט געלעבט. אין דער הייליג־קייט פון לעבען ? עס זיינען אלע מאל געווען געזעצען געגען מארד. אין דער נידערטרעכטיגקייט פון פאלשקייט ? — די ווארהייט איז אלע מאל א טוגענד. אין דער שיינהייט פון ריינ־הייט און אנשטענדיגקייט ? — די תורה לערענט אונז דאס ניט. דו זאלסט ניט בעטען צו אנדער גאט ? דאס איז געווען די זארג פון אלע רעליגיאנען.

איז עס מעגליך, דאס די תורה איז געשריבען געווארען פון מענשען, ניט באגייסטערט פון גאט ? איז עס נויטיג געווען די הילף פון גאט, אום צו שרייבען די תורה ? איז עס מעגליך, דאס ג א ל י ל י י האט ערפאהרען די נאטור־געזעצען פון די פאלענ־דע קערפערס און די געזעצען פון באוועגונג, דאס קאפערניקוס האט ערפונדען די ריכטיגע פאזיציע פון דער ערד און האט ער־קלערונגען געגעבען איבער אלע הימלישע ערשיינונגען, דאס קעפ־לער האט ערפונדען די דריי געזעצע ־ערפינדונגען, וועלכע זיינען אזוי נויטווענדיג, דאס דער 8טער מאי, 1618, קען גערופעןווע־רען דער געבורטסטאג פון מאדערנע וויסענשאפט ; דאס ניוטאן האט ערפונדען דעם גראוויטאציאן געזעץ ; דאס עקווילד, קאוואַ־ליער, דעקארט און לייבניץ האבען אזוי גוט ווי פארפאלקאמט די וויסענשאפט פון מאטעמאטיק ; דאס אלע ערפינדונגען אין אפ־טיק, בעמיע, פארע און עלעקטריק, דאס וואס אלעס איז ערפונ־

דען געוואָרען פון מענשען, וועלכע זיינען ניט דורכגעדרונגען גע־
ווען מיט'ן רוח־אלהים און דאָס נאָר דער שרייבער פון דער תורה
איז געווען דורך און דורך אָנגעפילט און באַגייסטערט פון גאָט'ס
גייסט? איז עס מעגליך, דאָס אַלע קאָדעקסען פון כינא, אינדיען,
מצרים, גריכענלאַנד און רוים זיינען געמאַכט געוואָרען פון מענ־
שען, און דאָס נאָר די תורה איז געגעבען געוואָרען פון גאָט? איז
עס מעגליך, דאָס שעקספיר, בערנס, בעראַנזשע, געטהע און שי־
לער און אַלע פּאָעטען פון דער עלט, זייערע אַלע וואונדערבאַרע
טראַגעדיעס און ליעדער זיינען נאָר די ארבייט פון מענשען, און
דאָס קיין זשעני, זאָנדערן גאָט האָט געקענט פאַרפאַסען דעם גרויס־
אַרטיגען מיש־מאַש, די תורה? איז עס מעגליך, דאָס פון די אַלע
ביכער, וואָס פילען אָן די ביבליאָטעקען פון דער וועלט, די בי־
כער פון וויסענשאַפט, ראָמאַנען, היסטאָריע און לידער, דאָס אַלע,
מיט דער אויסנאַהמע פון איין בוך, זיינען די שעפּונג פון מענש־
ליכען פאַרשטאַנד? איז עס מעגליך, דאָס פון די אַלע ביכער, איז
די ביבעל די איינציגע, די פאַרפאַסונג פון גאָט? אויב די ביבעל
איז די ארבייט פון גאָט, דאַן איז די מאָדערנע וויסענשאַפט א
טעות און א פאַרברעכען. פּאָליטישע פרייהייט דאַרף ניט עקזיס־
טירען. גאָט־לעסטערונג דאַרף געטראָטען ווערען מיט די פיס. מיר
דאַרפען קויפען די קינדער פון די גוים און זיי מאַכען פאַר שקלאַ־
פען אויף אייביג. מענער און פרויען דאַרפען פאַרברענט ווערען.
יעדע אויפבליהונג פון דיינקונגס־פרייהייט דאַרף ווערען אויסגערי־
סען מיט'ן וואָרצעל און דער הייליגער פלאַם פון גערעכטען מענ־
שען־פאַרשטאַנד דאַרף פאַרלאָשען ווערען מיט דער מאַרטירער־
בלוט.

איז עס ניט פאַרנינפטיגער צו זאָגען, דאָס די חומשים אַנט־
האַלטענדיג אייניגע גוטע געזעצען, אייניגע וואַרהייטען און עט־
ליכע קלוגע און נויטיגע זאַכען, זיינען אָבער אויך פאַרפּאַטשקעט
מיט דער ווילדקייט פון דער צייט, ווען זיי זיינען געשריבען גע־
וואָרען? איז עס ניט פיעל בעסער און פאַרנינפטיגער צו באַ־
האַלטען אַלעס דאָס, וואָס איז גוט אין די חומשים און אוועקצוואַ־
וואַרפען דאָס שלעכטע?

לאָמיר בעסער צוגעבען, וואָס מיר האַלטען פאַר ריכטיג, דאָס
משה האָט געמאַכט טעות'ן אין טויזענדע זאַכען; דאָס די געשיכ־

טע פון דער וועלט־באשאפונג איז ניט ריכטיג, דאס דער גן־עדן איז נאר א לעגענדע, דאס דער שלאנג מיט דעם עץ־הדעת, מיט די ערשטע זינד זיינען נאר שטיקלאך און ברעקלאך פון אלטע אפגע־שטארבענע מיטאלאגיע, דאס די פרוי איז ניט באשאפען געווארען פון מאנ'ס ריפ, דאס דער שלאנג האט קיינמאל ניט געקענט רייד־דען און דאס די בני־אלהים האבען זיך ניט געליבט אין די קינ־דער פון דער ערד, דאס די געשיכטע פונ'ם מבול מיט'ן קאסטען איז ניט אמת, דאס דער טורעם פון בבל איז א טעות, דאס די פארמישונג פון שפראכען איז נאר א קינדערשע בבא־מעשה, דאס דער פארקומען פון רעגענבויגען, ווי משה דערציילט אונז, איז נאר א נארישע איינבילדונג, דאס די געשיכטע פון סדום און עמורה לאזט זיך ניט ארונטערשלינגען, דאס יעקב האט ניט אויסגעברא־כען א פוס, ראנגלענדיג זיך מיט גאט, דאס עס מאכט א גאנץ קליינעם אונטערשייד, אויב אהרן'ס שטעקען האט זיך פארביטען אין א שלאנג צי ניט; און פון די אלע וואונדערס, וואס האבען פאסירט אין מצרים, איז דער גרעסטער וואונדער, וואס מען גלויבט אין דער נארישער געשיכטע, דאס גאט האט ניט געפּיי־ניגט די אומשולדיגע בהמות פון מצרים פאר די זינד פון זייערע מייסטערס, דאס זיבעציג מענשען האבען זיך ניט פארמעהרט אין 250 יאהר צו דריי מיליאן, דאס די דריי פריסטער האבען ניט געקענט אויפפרעסען 690 טויבען אין איין טאג, דאס דער קוקען אויף א בראנזענעם שלאנג האט ניט געקענט ארויסציהען גיפט פון די בלוט, דאס גאט האט ניט ערקלערט דעם מאכען פון האר־אויל פאר א זינד, וואס זאל באשטראפט ווערען מיט'ן טויט, דאס ער האט ניט געסטראשעט מיט'ן טויט די יעניגע, וואס וועלען עסען דאס פעטס פון אן אקס, דאס ווען גאט האט איינגעווענדעט געגען קארליקעס, מענשען מיט פלאכע נעזער און פיעל פינגער, האט ער זיי ניט געדארפט באשאפען, דאס גאט האט ניט גע־רעדט צו אברהם'ן אזוי ווי איין מענש רעדט צום צווייטען.

דאס די מלאכים זיינען ניט געוואוינט געווען ארומצושפּאצי־רען אויף דער ערד און עסען קאלב־פלייש צורעכטגעמאכט מיט פוטער און מילך און האבען זיך געדונגען מיט אברהם'ן וועגען צושטערען פון שטעדט, דאס עס איז א דומהייט צו גלויבען, אז גאט האט זיך פארביטען אין פייער און האט געהאלטען סטאנציע

אין אַ קוסט, דאָס ער האָט קיינמאָל ניט געטראָפען משה'ן אין אַ האָטעל און האָט איהם געוואָלט הרג'ענען. דאָס גאָט האָט זיך ניט איינגעהאַלטען אויסצוהרג'ענען אַלע אידען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די מצריים וועלען לאַכען פון איהם, דאָס גאָט האָט ניט בסוד באַגראָבען משה'ן און האָט געלאָזט זיין טויטען קערפּער באַשרייבען זיין אייגענע לויה, דאָס גאָט האָט ניט געוואוסט, אַז שקלאַפעריי איז און וועט אימער זיין אַ פאַרברעכען, דאָס ער האָט ניט אויסגעפּרובירט די עהרליכקייט פון אַ פרוי מיט שמוציגע וואַסער, דאָס גאָט האָט ניט פאַרבראַכט פערציג טעג מיט משה'ן אויפ'ן בארג סיני און איהם געגעבען צייכנונגען, ווי צו מאַכען קליידער, צוואַנגען, שיסלען און אַזוי ווייטער.

דאָס דער קוילענען פון אַ טויב איבער לויפענדעס וואַסער קען ניט פאַרוועקסלען די בלוט אין אַ מעדיצין, דאָס דער גאָט, וואָס פאַרלאַנגט ליעבע, וויים ניט און פאַרשטעהט ניט די מענשליכע הארץ, דאָס דער, וואָס שרעקט ווילדע מיט דונערען, איז ניט וויר־דיג געליעבט צו ווערען פון ציוויליזירטע מענשען, דאָס דער, וואָס הרג'עט קינדער, די קינדער פאַר די זינד פון זייערע עלטערען, איז אַ ווילדע בריאה, דאָס מיר קענען ניט צופרידענשטעלען גאָט, ווען מיר גלויבען אין אוממעגליכעס, דאָס נאָכפאַרשען איז ניט אַ פאַר־ברעכען, דאָס אַלע הייליגע פאַרפאָלגונגען זיינען פאַראַכטליך, ווי פון גאָט, אַזוי פון מענשען, דאָס אָהן פרייהייט, איז טוגענד אַן אוממעגליכקייט, דאָס אָהן פרייהייט איז זאָגאַר ליעבע אוממעג־ליך, דאָס יעדער מענש דאַרף זיין פריי צו דיינקען און אויסצודרי־קען זיינע מיינונגען, דאָס די פרוי איז גלייך ווי דער מאַן, דאָס קינדער דאַרפען ווערען מיט ליעבע ערצויגען, דאָס קריעג איז אַ שרעקליכער פאַרברעכען, דאָס די פרייהייט פון היינט איז די האָפ־נונג פון מאָרגען, דאָס די צייליזירטע געגענוואָרט דאַרף ניט פאַלען אויף די קניע און בלינדערהייט אָנבעטען די באַרבאַרישע פאַרגאַנגענהייט, דאָס יעדער פרייער, בראַווער און אַנטוויקעל־טער מענש זאָל אָפען ערקלערען: דאָס אַלע אומוויסענדע, אומ־פאַרשעהמטע, הערצלאָזע און פאַראַכטליכע זאַכען, וואָס געפינען **זיך אין דער תורה, זיינען ניט די הייליגע ווערטער פון גאָט, זאָנ־דערן אייניגע טעות'ן פון משה'ן.**